STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04676

HIML UN ERD

Meir Charatz

*Permanent preservation of this book was made possible
by Stanley Fuchs
in memory of
Martin & Ruth Teichman*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר חַרַץ

הימל און ערד

לידער

פארלאג "אייגנס" ירושלים, 1974

MEIR CHARATZ

HIML UN ERD

FARLAG "EIGNS" JERUSALEM

מאיר חרץ / הימל און ערד

פאַרלאַג "אייגנס", ירושלים

©

נדפס בישראל תשל"ד

Printed in Israel 1973

דפוס קואופרטיבי "אחוה" בע"מ, ירושלים

אַ פּאָר ווערטער צום דריטן באַנד

ווען איך בין צוגעטראָטן אָפּקלייבן די לידער פון דאָזיקן באַנד, זענען שוין צוויי בענדער — „אין פּרעמדן גן עדן“ און „מיינע טייערע, מיינע ליבע, מיינע אייגענע“ — געווען אויסגעסדרט. כ׳האָב נאָך אַלץ געהאַט פּאַר מיר לידער אויף נאָך דריי בענד, פון וועלכע כ׳האָב גע־דאַרפט אויסטיילן די 200 לידער פון דאָזיקן באַנד.

אוודאי וואָלט דאָס ערשטע ליד פון דאָזיקן באַנד „פּרעמדס“ און פיל אַנדערע געקאָנט און אפשר טאַקע געדאַרפט אַריינקומען אין „פּרעמדן גן עדן“ נאָר דער ערשטער באַנד איז אַזוי אויך פון פּאַרלע־גערישן שטאַנדפּונקט איבערגעלאָדן און איז אַרויס מיט עטלעכע בויגן איבערן פּלאַן פון אַרויסגעבער.

לײדער איז צום דערשיינען פון דאָזיקן דריטן באַנד דער צווייטער אפילו ניט אין זאַץ.

ווען אַ קאָמיטעט אין סאַן פּאַולאָ האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן מיינס אַ לידערבוך, האָב איך שוין אַ טייל פון די מיטלען אַרויסצוגעבן דעם צווייטן באַנד געהאַט אויף דער האַנט. די סאַן פּאַולער יידן האָבן געהאַנדלט שנעל און עפעקטיוו, און מיטן צווייטן בוך האַלט איך נאָך — ביים אָנהויב.

מאיר חרץ

דאָס דאָזיקע בוך לידער ווערט אַרויסגעגעבן דורכן ספּעציעל־געשאַפֿענעם קאָמיטעט אונטערן פאָרזיץ פון ה׳ סיאָמע צימערמאַן ביי דער מיטבאַטייליקונג פון די געזעלשאַפטן: ״ייוואָ״ — מאיר קוטשינ־סקי, חיים ראַפּאָפּאָרט און יצחק גוטערמאַן. ״פֿאָלקס־אוניווערסיטעט ביי דער העבראַיקאַ״: — יוסף זילבערבערג, אורן מאַנדעל און האַרי קאָזלאָווסקי. געזעלשאַפט ״פריינד פון יידישן טעאַטער״: — דוד סגינהור, ז. בוכמאַן און מ. קלייזינגער. ״שארית הפליטה״: — זש. באַרבו, ק. חרמץ און אברהם קאָטליאַר, וועלכע האָבן באַקומען די באַשטייערונגען פון פאָלגנדיקע פערזאָנען:

קאָנסול לעאָן פעפער און פרוי.
גאָלדפאַרב בערנאַרדאָ און ראָזינאַ —
אין אָנדענק פון זיין פאָטער נאַטאַן ע״ה
״שארית הפליטה״
זשאַקאָב און עטל פאַים
גאָדל און שרה קאָהן
״ייוואָ״
בעסעראַבער פאַרבאַנד
״פֿאָלקס־אוניווערסיטעט ביי דער
העבראַיקאַ״
נאַום און זשעני אַבוליאַק
נאַטאַן באַלזאַם און פרוי
יעקב און שרה ראָסעט
איזאַק פיסטראַק
אַברהם טערפינס און פרוי
זשאָזע טערפינס און פרוי
אברהם און אַניטה בליי
זשאָזע און סעסילאַ סניטקאָווסקי
איזאַק און בעססי נאַשפיץ
מאַוריסיע און גיסעלע סקילניק
סאַלאָמאָן און אידאַ צימערמאַן
לואיז און חנה פרנס.
אורן און פרידה מאַנדעל
זשאַקאָב און פאַני רויזן
דוד גאָראָדעצקי און פרוי
מאַרקוס קערצמאַן און פרוי
קינאָל קאָמערסיאַל

אַלפרעד וויינער
זשאַקאָב דיאַמאַנטע
סאַמועל און פינאַ טשיאָקלער
יוסף און מנוחה זילבערבערג
מאיר און קעטטע קוטשינסקי
אברהם און העלענאַ קאָטליאַר
חיים און בלומע ראַפּאָפּאָרט
דוד סאַגענור און פרוי
זשאָרזש באַרבו און פרוי
זשיימע פויגעלמאַן און פרוי
הערנעסטע און ראָזאַ העניגסבערג
יעקב שיק און פרוי
אברהם סוקעניק און פרוי
אפרים און קלאַראַ חליאַפּ
שמחה און ווילי זילבערמאַן
זיגמונט און לאָלאַ גאַלאַטצקי
משה ביינישיס —
אין אָנדענק פון זיין פרוי חיה־שרה ע"ה
דניאל יאַנטעווי
זיגמונט בוכמאַן
מישל קליינזינגער
אהרן פלאַפלער און פרוי
בעני גיווערץ
משה גרייבער
מאיר זשעס ציון
גאווענדא
שרה לערנער
סאָפיאַ גערסטעל.

אַ גרויסן דאַנק

דעם קאָמיטעט און אַלע די וואָס האָבן זיך באַשטייערט אויף אַרויס־צוגעבן דאָס דאָזיקע בוך.

מאיר חרץ

אינהאַלט:

דיין אַלטע וווּנד

פרעמדס 11
יידן אין קאַרל דעם צווייטנס אַרמיי 12
דער בושל 14
דער יידישער דרויסן... 15
די יידישע קאַרטע 16
אונדזער לאַנד 18
דורך וויזשניץ 19
קוקנדיק אויף אַ בילד פון געטאָ־דענקמאָל 20
קברים 22
מיר האָבן באַקענט זיך 23
יידישע בריוו 24
אַזוי האָבן גריכן און רוימער געוואָלט 25
צו יודאַ 26
נעמען 29
שניי־לידער 31
די וועלט גייט פאָרויס 33
אייניקלעך פון פּאַסטעכער 34
דריי לידער 36
גלות־עפּל און קאַרטאָפל 38
שבת 39
דיין אַלטע וווּנד 40

משל־אַרטיק

דער דאָרפישער ווינט 43
אַ טיגער אין וואָגן 44
ס'האָט אַ טיגער 45
דאָס אייזל, דער פוקס, דער וואָלף און די שאָף 46
כ'האָב אַזוי פיל האָזן שוין פּאַרצופּקט 47
גרין גראָז 48
קומט אַראָפּ צו אונדז אין הויף 49
אָן אַ צונג 50
דאָס הינטל 51
דעם יעגערס הונט 52

מיט וואָס וועלן מיר גיין צום פּאַרזיי 54
ווי אַזוי א. שטיינבאַרג האָט געשריבן 56
אָט פּרווו 58
אַ משל 59
ווי אַזוי איז געבורין געוואָרן דאָס משל 60
אָפּן משל 61
רייטער 62
דער העלד 63
דער ערלעכסטער אויף גאָר דער ערד 64
דער חלף 66
דאָס גרינגסטע אויף דער וועלט 67
ס׳איז געווען אַ מאָל אַ גרויסער גביר 69
דער וועגעטאַריער 70
לאָזט זיך דער הימל 71
הינער און אייער 72
ס׳לעצטע וואָרט פון דער טעכניק 73
שטיפעריש
מאָנאַרכישע אידיליע 77
ס׳איז ענגלאַנד, זאָגט מען... 78
מיין שטאָטיש מיידל 79
לויטן זכרון 80
פּאָלקסטימלעך 85
ערב יום כפור 86
און ער האָט באַשריבן 88
שטעלט אייך אַ רגע פאָר 89
אונטער יאַנקעלעס וויגעלע 90
מיר, די פּאַרגוישטע יידן 91
עס מאַכט די נאַכט מיך וואַכנדיק 92
גרינע אויגן, רויטע נאָז 93
כ׳וועל שוין גאָרניט צוטראַכטן 94
לבנה־לידער
ציידה לדרך 67
דאָרטן־דאָרט 98
לבנה־שפּראַך 99
אין די זאַמדן 100
אויף דער לבנהסברייטן פעלד 102

בײַ דער שײַן פֿון אונדזער ערד 103
מײַן טרוים 104
שטײ איך און איך שטרעק מײַן גוף 105
לבֿנה־פּאַטשטש 106
אַלט לבֿנה־ליד 108

הערשעלע אַסטראָפּאָליער

נעכע די הערשעלעכע 111
אויפֿן אויוון 114
הערשל בויט אַ הויז 115
הערשלען לוינט ניט 117
בײַ װעמען איז שענער געמאָלט 119
דער שראַנק 121
הכנסת כלה 124
הערשלס שוואָגער 127
אַ שריפֿה אין שטעטל 131
די גאָלדענע קנעפּ 133

הימל און ערד

ליכט און פֿינצטערניש 137
פֿאַרבן 138
פֿאַר טאָג 139
ס׳רעגנט ניט 140
איך קוק אַרויף 141
מיר וויסן ניט פֿאַרוואָס 142
דער רעגן און דער בליץ 143
אין דרויסן גייט אַ רעגן 144
אַ רעגן 145
ליגט דער האַרבסט 146
האַרבסטיקע לאַנדשאַפֿט 147
דער ערד־קײַלעך האָט זיך געדרייט 148
דער לעצטער מבול 149
האַרבסט־מאָטיוון 150
פֿייגל אויף די הוילע צווייגן 151
העכער 152
שנייען 153
שניי־נאַכט 154

נאָך דריי לידער וועגן שניי 155
איבערן אַלטן אייז דעם קאַלטן 158
דער ווינט האָט דעם פרילינג געבראַכט 159
אין ערשטן פרילינג־טאָג 160
שטיי אַויף 161
דער הימל 162
אויף די שוועלן 163
איך גיי אַרום 164
זומער־אָוונט 165
אויף די זאַמדן 166
די נאַכט נעמט אַרום 167
פאַר טאָג אין שטאָט 168
שטייט די שטאָט 169
סע רוישט דער מאַרק 170
פרילינג 171
פון פרילינג־רעגן 172
די זון איז צעפלאָסן 173
פאַרב, ליכט און קלאַנג 174
אַ ברייט שטיק פעלד 175
קוקט מיין פענצטער 176
ביי די ראַנדן 177
ציען זיך וועגן 178

כ׳האָב געשיקט מיין טויב

דו האָסט זיך אָפּגעקערט 181
כ׳האָב ליב די הענט 182
כ׳האָב געשיקט מיין טויב צו פליען ווייט 183
מיידל־בענקשאַפט 184
כ׳וועל אַ ווינטל דיר באַשטעלן 185
וואָס ציט מיך אַזוי ? 186
דיינע רייד 187
קאָן זיין, אַז דו ביסט דאָ 188
איך וואַרט אויף דיר אַ לעבנלאַנג 189
מיטן כח פונעם וואָרט 190
אַן אַלטע פרוי 194
אַ דאַנק 195
איך האָב דיך זיבן מאָל געחלומט 196

תיקון

פון אַלטן אַמאָליקן שטעטל	199
היים	201
ווער סע וועט דער ערשטער קומען	202
אינעם שטיבל	204
דער שאָסיי	206
דער בעסטער דאַך	208
דורך טשערנאָוויצער גאַסן	210
די טשערנאָוויצער יידנגאַס	211
אַ טשערנאָוויצער גאַס	213
אַלטע שטאָט	215
בוקאָווינער פּייסאַזש	216

געשטאַלטן

דער בלינדער	219
דער טרויעריקער	220
דער גולם	221
אַ זינגערין	222
באַלאַדע	223
די רייכע	224
דער דייטשער ייד	225
די שטאָטישע	226
דער גליקלעכער	227
שפּיטאָל־סאָנעט	228
כ'פאַרמאַך די אויגן	229
אַ רייטער	230
האַרבסט־מאָטיוו	233
אויסגעלערנט פאָרן	234
הספד נאָכן לעצטן פערד	235
זיין זיידע	236
דער האָן	237
די הון	238
טויבן	239
די וואַראָנעס	240
סאָנעט מיט האַנדלונג	241
דער גבור	242

זאָל זיין געבענטשט

גליק 245
גאַסט־פריינטלעכקייט (צוויי לידער) 246
די טרעגער 248
און קומען וועט אַ מאַן 249
אין טאָל איז דער טייך 250
ער 251
צו אַ קראַנקן־שוועסטער 252
היטער 253
ליגט אַ שיכור 254
אַ ייד 255
ערגעץ ווו לעבט 256
גליקן 257
כ'האָב היינט געהאַט אַ גאַסט 258
צוגאַסט 260
שלאָף 261
ווען דער טאָג וועט קומען 262
ווי אַזוי סע ווערט שטיל 263
אַ ליבע 264
וואָלקנס אָנגעצויגענע צום פלאַצן 265
נשמה מיינע 266
די האָפענונג 267
פאַרטרייב ניט 268
אָן אַ נאָמען 269
אויף מיינע אָפּגעלעבטע טעג 270
גזלנים און יידן 271
מעק אויס 272
אַ פרידלעכע נאַכט 273
דער ווינט 274
דער דרויסן שטייט אין פולער בליונג 276
נעמט אַראָפּ די חשבונות פון טיש 277
טרויער 278
שוסטעריי 279
זאָל זיין געבענטשט 280
שורות 281
אין יעדן לאַנד 282

דיין אַלטע ווונד

פרעמדס

פרעמדע אויגן אויף די שויבן,
פרעמדע אויערן ביי די ווענט,
פרעמדע געטער אין מיין גלויבן,
פרעמדע מאַכט אין מיינע הענט.

פרעמדע ווערטן — מיין פאַרמעגן,
פרעמדע וועכטער ביי מיין טיר,
פרעמדע ווערטער אין מיין רעדן,
פרעמדע שריפט אויף מיין פאַפּיר.

אויף די הימלען — פרעמדע פאַרבן,
פרעמדע פאַרבן אויף מיין פעלד.
ס'איז מיין לעבן און מיין שטאַרבן,
פרעמד אויף אָט דער פרעמדער וועלט.

טשערנאָוויץ 1947

יידן אין קאַרל דעם צוועלפטנס אַרמיי

מיר האָרעווען אין שטאַלן נאָר ווי פערד,
ווי פערד? צי מעג מען דען אַזוי עס טייטשן,
אַז פערד ווי פּריצים שטייען אויף דער ערד,
און פאָכען מיט די ווידלען ווי מיט בייטשן?

מיר האָרעווען אין שטאַלן טאָג־ווי־נאַכט,
ס'איז פרידנס־צייט, דאָך שלאָפט מען אין שינעלן,
אין דרויסן היט אונדז אָפּ אַ שטאַרקע וואַך,
ווי תּפֿיסה־ווערטער היטן זיי די שוועלן.

מיר רייניקן דאָס פערד־מיסט מיט די הענט,
און האָבן ניט קיין צייט זיי אָפּצוּווישן,
זיי זענען שוואַרץ ווי דאָס סאָלדאַטסקע העמד
און האַרט ווי דאָס סאָלדאַטסקע פּיצל קישן.

מיר שווייגן גאַנצע וואָכן אָפּ, מע שטומט,
מע שרעקט זיך פאַרן אייגן קול און טרויער,
ווי גלייך דער עלטסטער וואָלט זיך נאָכגעקרומט,
אַזוי קלינגט אונדזער קול אין אונדזער אויער.

אַ יונגער אָפיציר, אַ גראָבער יונג
און מיט אַ גראָבן שטעקן ווי זיין זיידע
און מיט אַ זידלענדיקער, שילטנדיקער צונג —
דער עלטסטער פון אַ באַטאַריי מיט שדים.

ער גייט אַרום און מאַכט זיך גראָב זיין שטים
און חוזק מאַכט ער פון די יידישע קינדער,
וואָס האָבן זיך געלערנט אין איין שול מיט אים
און רייניקן די שטאַלן זיינע אַצינדער.

מען גיט אונדז אין די הענט פון אַ קאַפּראַל,
מע זאָגט אים אָן, ניט זשאַלעווען קיין כוחות,
מע הויבט אים אויף אין ראַנג פאַר יעדן קנאַל
פון קנוט פון הייסן איבער אונדזערע מוחות.

בעלץ 1936

דער בושל

אַ בושל קומט צו פליען פון אַ ווייטן־ווייטן לאַנד,
צי מעג מען אים, דעם אויסלענדער, אויסשטרעקן אַ האַנט ?
צי מעג איך מיינע פליגל טאָן פאַר אים אַ פּרווו
צו זען, צי טויגן זיי נאָך אויף דער פרייער לופט ?
צי מעג איך מיט אים רעדן אויף זיין פויגל־שפּראַך ?
צי מעג איך מיט אים רעדן צווישן טאָג און נאַכט,
בשעת אין פעלד איז שטיל און דער בושל שטייט
אויף אַ פוס אַליין, שטייט צו הערן גרייט ?
צי מעג מען אים דערציילן, אַז מיין נעסט איז נאַס
און אַז עס איז מיר ענג אין דער ברייטער גאַס
און איך בין דורכגעשטאָכן פון די שכנימס האַס ?

טשערנאָוויץ 1948

דער יידישער דרויסן...

אַ מאָל איז געווען אַ יידישער דרויסן
מיט יידישע קינדער פול.
אין דאָזיקן דרויסן, אין דאָזיקן גרויסן
געשטאַנען אַ יידישע שול.

אין שול האָבן יידישע קינדער געלערנט,
אין דרויסן זיך יידיש געשפּילט,
ביי נאַכט איז דער הימל געווען צעשטערנט
מיט יידישע שטערן גאָר פיל.

ביי נאַכט האָט די יידיש-פאַרטראַכטע לבנה
געוואַכט אויף אַ יידישן דאַך,
נאָר ערגעץ ווו האָבן יידישע שונאים
אין פינצטערניש בייז געטראַכט.

זיי האָט זיך אין שאָטן געדאַכט, אַז צעשניטן
האָט עמעץ די רוימען אויף צוויי
און אַז די לבנה איז מיטן פּנים צו די יידן
און מיטן הינטן צו זיי.

אַז ניט דער חושך פון זייער שנאה
האָט זיי זייער שיין פאַרשטעלט,
אַז ניט זייערע אויגן זעען פול קנאה
די יידישע שיין צו העל.

זיי האָבן דעם יידישן דרויסן געצונדן
און אויסגעברענט פונעם רוים,
נאָר ס'הענגען נאָך היינט אינעם רוים די ווונדן
ווי די שקיעה אויף אַ בוים.

טשערנאָוויץ 1962

די יידישע קאַרטע

יידן, אַ פֿאָלק פֿון איינגעשפּאַרטע,
האָבן אַן אייגענע יידישע קאַרטע,
גייט מען פֿון יאַס קיין אַרגענטינע,
פֿאָרט מען פֿון בעלץ צו דער בוקאָווינע.

יידן, אַ פֿאָלק פֿון סאַמע ווייסער,
לאַכן זיי אויס דעם ווינער קייסער,
נאָך דעם לאַכן זיי פֿונעם רומענער,
יידן וויזשניצער, יידן אונגענער.

אין דער סאָוועטישער מאָלדאָווע,
וווינען אייניקלעך פֿון קאָרדאָווע,
אייניקלעך פֿון קאָרדאָווער קהילה,
ווייסן עס ווייסער ניט אפֿילו.

זאָגן זיי : מיר, די מאַרקולעשטער,
מיר די בעלצער און די קאָפּרעשטער,
מיר די אָקניצער און די ליפּקאַנער
וווינען צווישן די מאָלדאָוואַנער.

פֿאָרן קיין קעשענעוו שאַראַבאַנעס,
פֿאָרן צאַראַנעס, פֿאָרן טשאַבאַנעס,
פֿאָרן זיך לערנען אין פֿאַקולטעטן,
אין דער שטאָט פֿון שרייבערס, פּאָעטן.

שרייבערס, פּאָעטן מאָלדאָוואַנער
שטאַמען פֿונעם ראַיאָן ליפּקאַנער
און ליפּקאַן, דאָס יידישע שטעטל,
האָט זיך אַן אייגן שרייבער־צעטל.

ייִדן אַ פֿאָלק פֿון איינגעשפּאַרטע
האָבן אַן אייגענע ייִדישע קאַרטע,
פֿון ליפּקאַן און פֿון זגוריצע
פֿאָרן די ייִדן קיין טשערנאָוויצע.

דאָ קיין טשערנאָוויץ פֿונעם שטעטל,
פֿונעם קליינעם ייִדישן שטעטל
קומען ייִדישע פּאָעטן,
פּילן זיי אויס דאָס לאַנגע צעטל.

דאָ, וווּ ס'קרייצן זיך קולטורן,
האָט אונדז שטיינבאַרג געלאָזט זיינע שפּורן,
דאָ האָט מאַנגער דער סטאָפּטשעטער
אָפּגעפּרילינגט דעם שענסטן וועטער.

דאָ האָט פּרץ אָנהויב יאָרהונדערט
אויסגערופֿן דאָס גרויסע וווּנדער:
ייִדיש, די שפּראַך פֿון צאינה וראינה,
ייִדיש, אַ שפּראַך אַ סוווערענע.

האָבן די דערפֿער זיך פֿאַרזאַמלט,
האָבן די גויים זיך צעשטאַמלט:
„וואָס עפּעס ייִדן אין דער מיטן?"
האָבן די ייִדן די שפּראַך פֿאַרביטן.

זענען געקומען שווערע צייטן,
האָט ניט געהאָלפֿן קיין שום פֿאַרבייטן,
ייִדן, אַ פֿאָלק פֿון איינגעשפּאַרטע
צייכענען שוין אַן אַנדער קאַרטע.

אונדזער לאַנד

אונדזער לאַנד, וואָס איז צעוואָרפֿן איבער אַלע לענדער,
ווי די שטעט און ווי די פֿאַרטן פֿונעם ענגלענדער,
האָט די מאַכט פֿון אַ ציגיינער אין אַן אַסיען־רעגן,
ווען ער איילט זיך און ער שרעקט זיך, אויף אַ דאָרף זיך נאָכצופֿרעגן.

פֿריער ווינטער אין אייראָפּע, בלאָזט אַ זאַווערוכע,
אין דער אַלטער שוסטער־שול פֿירט זיך אַ מלוכה
און דער גבאי הייסט דעם שמש אָנהייצן הרובע,
זאָלן קומען אַלטע שוסטערס ביי דער הרובע נודיען.

זיצט מען און מע רעדט פּאָליטיק און מע שפּילט זיך מיט קייסאָרים,
יעדער קייסער דאַרף אַן אוצר, זענען אָבער שוסטערס אָרעם,
דרייען אויס זיך די קייסאָרים מיט די פּלייצעס צו די שוסטערס
און דער גאַנצער רעש און טומל ביי דער הרובע בלייבט אַ פּוסטער.

דורך וויזשניץ

מיר זענען אַריבער די וויזשניצער בריק,
מיר זענען קיין קיטעוו פֿאַרפֿאָרן,
נאָר וויזשניצער ברעג רופֿט מיך צוריק,
די גרענעץ פֿון נעכטיקע יאָרן.

געווען איז אַ מאָל אַ גרענעץ אַדאָ,
ס'האָט וויזשניץ געחלומט אַ חלום,
אין חלום — אַ בלאָע שפּיצבאַרגיקע שעה,
וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אין די טאָלן.

פֿאַרזונקען אין דר'ערד די בערג ביזן בויך,
דער וועג ציט זיי אַיין ווי אַ גאַרטל,
דער טשערעמוש זידט אַזוי ווי אַ יויך,
פֿון שלייען, פֿון העכטן און קאַרפּן.

ס'האָט איינס נאָר געפֿעלט, דאָס שטיקעלע ברויט,
דאָס שטיקעלע ברויט האָט געפֿעלט דאָרט,
די שעה פֿאַלט אַראָפּ און ציט זיך אויס טויט,
אַ צווייטע קומט אָן פֿון די וועלדער.

און ס'קומען מיט איר אין אַ טאַנץ, אין אַ ראָד,
די חסידים צום וויזשניצער רבין,
ביים טשערעמוש טאַנצט אַ יידישע שטאָט,
דאָס אָרעמע פֿריילעכע לעבען.

דער חלום צערינט, דאָס לעבן פֿאַרגייט,
דער חלום פֿון נעכטיקע יאָרן,
קיין סימן פֿון יידן, פֿון חסידישער פֿרייד,
ווען איך בין דורך וויזשניץ געפֿאָרן.

קוקנדיק אויף אַ בילד פון געטאָ־דענקמאָל

איך שטיי פאַרן דענקמאָל־שטיין
און פיל, ווי איך ווער פאַרשטיינערט,
צי בלייב איך אויף אייביק דאָ שטיין
מיט פאַרגליווערטע פלייש־און־ביינער ?

צי אפשר געשעט דאָ פאַרקערט,
דער שטיינערנער דענקמאָל פון ברידער
אַרויסגעהאַקט פון דער ערד
פאַרוואַנדלט אין פלייש זיך ווידער.

נאָר זיי האָבן פאַרן טויט
קיין פלייש אויף זיך ניט פאַרמאָגט שוין,
געגעסן שטיינער שטאָט ברויט
פאַר שווערער פראַצע דער טאָג־לוין.

און זיי האָבן פאַרן טויט
קיין פלייש אויף זיך ניט באַדאַרפט דאָ,
די הויט פאַרקויפט פאַר שרויט,
די ביינער ווי שווערדן געשאַרפט דאָ.

און זיי האָבן פאַרן טויט
די לעבנס געוואָרפן ווי באָמבעס,
געוואָרפן זיי הייס און רויט
פון בונקערס און קאַטאַקאָמבעס.

איצט שטייען זיי אויסגעהאַקט
און ברענגען פון מויל קיין וואָרט ניט,
מע גיט זיי אָפּ כבוד ווי לאַנג
זיי רירן זיך פונעם אָרט ניט.

איך שטיי פאַרן דענקמאָל־שטיין
און פיל ווי איך ווער פאַרשטיינערט,
צי בלייב איך אויף אייביק דאָ שטיין
מיט פאַרשטיינערטע הויט און ביינער?

קברים

אזוי פיל קברים אין דער פרעמד,
ניט זיכער שטייען שטומע שטיינער,
די אותיות שווייגן ניט־דערקענט,
דער היגער איז זיי ניט קיין לייענער.

מיר האָבן באַקענט זיך

מיר האָבן באַקענט זיך צו ערדן,
וואָס בייטן די שנייען אויף זאַנגען,
מיר האָבן געפּאַכט מיט די שווערדן
און זענען אין שלאַכטן געגאַנגען.

דער שונא באַוואָפנט האָט מערדערס
מיט רויבמעסערס שאַרפע צו קוילען,
מיר האָבן דאָך יעדער אַ שוועסטער,
אַ ברודער אין רוסלאַנד, אין פּוילן.

מיר זענען געגאַן אויפן שונא,
מיר האָבן דעם שונא צעבראָכן
און האָבן באַפרייט פון די ברוינע
דעם ברודער, די שוועסטער, דעם שכן.

איצט ווילן מיר בויען דאָס לעבן,
מיר האָבן פאַרדינט זיך דעם פרידן,
מיר שטייען דאָ איינער קעגן
דעם צווייטן — פאַרמאַטערטע יידן.

איצט ווילן מיר בויען די וואָכן
אין אַלטן אייגענעם האַפן
און איז אונדזער שטייגער צעבראָכן,
מיר וועלן אַ נייעם באַשאַפן.

איצט ווילן מיר פראַווען שבתים,
איר קענט אונדזער שבת־ליד הערן,
איז ווער קאָן אונדז זינגען ניט לאָזן?
איז ווער וויל דעם פרידן אונדז שטערן?

יידישע בריוו

יידישע בריוו איבער אַלע ימען,
אַלע אומוועגן און וועגן,
שרייבט אַ זון צו זיין אַלטער מאַמען
ליבע ווערטער פון אירעטוועגן.

שרייבט אַ מאַן צו זיין פרוי זיין ליבער,
אין אַן אַנדער לאַנד איז ער פאַרבליבן,
האָט ער אין צענדליקער בריוו דעריבער
ס׳גאַנצע האַרץ שוין אויסגעשריבן.

שרייבט אַן אייניקל צו זיין זיידן,
שרייבט פון איבער גרענעצן זיבן:
״פון דער גאַנצער משפחה זענען מיר ביידע
צוויי צעבראָכענע יידן פאַרבליבן״.

וואַנדערן אום די בריוו און בלאָנדזשען,
יידישע בריוו אויף אַלע שפּראַכן,
בריוו פון יידן טונקעלע, בלאָנדע,
בריוו פון קאַלטע און הייסע שליאַכן.

אַזוי האָבן גריכן און רוימער געוואָלט

אַזוי האָבן גריכן און רוימער געוואָלט,
יהודה זאָל הייסן דעם נוצריס פאַררעטער,
דער נאָמען פון שבט, דער נאָמען פון פאָלק,
וואָס האָט זיי צעבראָכן די שטיינערנע געטער.

צו יודאַ

פאַרוואָס האָסטו אים קליינערהייט פון וויגל ניט פאַרקויפֿט,
נאָך איידער ס'האָט אין ירדן אים יוחנן געטויפט ?
ציגיינער וואָלטן מערער דיר ווי רוימער אָפּגעצאָלט
און וואָלטן ניט געקרייציקט אים, אויף בילדער ניט געמאָלט
מיט צוויעקעס אין די הענט פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ,
זיי וואָלטן אים געלערנט צו פליען אין גאַלאָפּ,
זיי וואָלטן אים געוויזן אויף אַ געלאַטכנט פערד
צו פליען ניט אין הימל, נאָר פליען אויף דער ערד
און טאַנצן פאַר אַ גראָשן אַ באָרוועסער אין שטויב
אַ בלינדער צו דעם חוזק און צום געלעכטער טויב,
זיי וואָלטן אים געגעבן אַ ציגיינערטע אַ ווייב,
וואָס וואָלט אים ניט געפייניקט, ניט ווי געטאָן זיין לייב,
כאָטש ער וואָלט זי געשלאָגן, נאָר זי וואָלט אים געקושט
און זי וואָלט אים פאַרביטן און ער וואָלט ניט געוווּסט
און ער וואָלט ניט געליטן און גליקלעך זיך געפילט,
דאָס פייער וואָלט געפלאַקערט און ער — צעשויבערט, ווילד,
געשטאַנען וואָלט ביים פייער און וואָלט אַ האַק געשמידט
און ניט געוועזן קיין סטאָליער און ניט געוועזן קיין ייד.
זיי וואָלטן אומגעוואַנדערט אויפן גאַנצן לאַנד
און זי וואָלט אומגעגאַנגען, געטראָגן אין דער האַנט
און זי וואָלט אומגעגאַנגען און פאַר אַ שטיקל ברויט
געטראָפן אין די קאָרטן דעם גורל פון אַ מויד,
וואָס חלומט פון אַ חתן, פון רייכטום און פון גליק,
וואָס ווערט דורך די ציגיינערטעס די מיידלעך צוגעשיקט.
און וואָלטן זיי געקומען קיין רוים אין יענער צייט,
זי וואָלט געשטעלט זיך טאַנצן פאַר גאָר די הויכע לייט
און ער וואָלט צוגעהאָלפן און אין אַ טאָץ געטאַצט

די גריכישע מבינים, די קנעכט, וואָלטן געפּלאַצט
פאַר ווייטיק, וואָס די רוימער פאַרשטייען ניט קיין קונסט
און קוקן זיך מיט שפּילער, וואָס זענען ניט באַוווּסט.

פאַרוואָס האָסטו אים קינדווייז צו ציגיינער ניט פאַרקויפט,
נאָך איידער ס'האָבן רוימער אים צום קרייציקן געקויפט?
ציגיינער וואָלטן אָפּגעצאָלט און אָן דעם גאַנצן רעש
און וואָלטן דיר דאָס געלט צוריק אַרויסגעשלעפּט פון טאַש.
אויף זיך וואָלטן גענומען זיי די נאַרישקייט, די זינד
צו גנבענען אַ מיידלס אַ ניט געזעצלעך קינד
און זי וואָלט נאָך געדאַנקט דערפאַר, ז'איז ווידער דאָך אַ מויד,
דער וואָלף איז זאַט, די שאָף איז גאַנץ און ס'איז דאָס קינד ניט טויט.
ער וואָלט ביי די ציגיינער זיך אויסגעלעבט די יאָר
ביז אַכציק צי ביז ניינציק און אפשר הונדערט גאָר.
ער וואָלט ביי זיי געוואָרן ווי אַלע ווערן, גראָ,
דערנאָך וואָלט ער געשטאָרבן, פאַרגעסן און ניטאָ.
קיין צלם וואָלט מען אים צוקאָפּנס ניט געשטעלט,
ווייל ער — אַ ניט־געקרייציקטער — וואָלט ניט געווען קיין העלד,
ווייל ער — אַ ניט־געפאַנגענער — וואָלט ניט די ווערט געווען
די תליה זאָל זיין דענקמאָל זיין ווי, ליידער, ס'איז געשען.
זיי וואָלטן אים באַהאַלטן אין שאָטן פון אַ בוים
און ווייטער אומגעוואַנדערט פון הודו ביז קיין רוים
און דיר וואָלט מען ווי טויזנטער אַזוינע לייט ווי דו,
וואָס מאַכן פול די פעלקער, געגעבן לאַנג שוין רו
און אויף דער גאָרער וועלט וואָלט ניט געווען אַזוי פיל וויי,
ווען דו וואָלסט אים פאַרקויפט צו ציגיינערס, ניט צו זיי.
זיי האָבן אים צום קרייץ געבראַכט און פאַר אַ גאָט געמאַכט,
אים אומגעבראַכט און זיך דערשראָקן פאַרן טויטנס מאַכט
און גיך פון זיך גענומען אַראָפּוואַרפן די זינד
און זי אויף דיר געוואָרפן מיט שנאה בלוטיק־בלינד.
זיי האָבן דיר אין גאַנצן דאָך פאַר דרייסיק זילבערשטיק

פאַרקויפט זייער עבירה און אויף דיין האַלדז אַ שטריק
אויף אייביק אויפגעהאָנגען און דיך ווי אים געקרייצט
און מיט דיין בלוט די גאַנצע ערד פאַרגאָסן און פאַרפלייצט.

נעמען

די שטאָט שטייט אינגאַנצן צעגראָבן, נאָך איידער דער שניי איז
צעגאַנגען,
עס ברענען שוין שטאָטישע לאָמפּן, נאָך איידער די זון איז פאַרגאַנגען,
עס לאָזן אַראָפּ זיך רערן און ס'ווערן דראָטן געצויגן
און איידער סע בליען די ביימער, פליט שוין אַ פאַרביקער בויגן.

עס מערן אין שטאָט זיך די פענצטער, סע שווינדלט מיט גאָרנס,
באַלקאָנען
און אָט שטייט אַ גאַס אַ נייע, פּאַראייביקט ווערט נאָך אַ נאָמען
פון נאָך אַ העלד צי אַ העלדין, וואָס האָט אַוועקגעגעבן
דאָס פאַרביקע לעבן דאָס יונגע, דאָס נאָך ניט געלעבטע לעבן.

אַ גאַס אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָוו, אַ גאַס אויפן נאָמען פון זאָיען
און אַנדערע נעמען מיליאָנען, סע שטעלט זיך ניט אָפּ דאָס בויען
און וועלן קיין נעמען ניט סטייען פאַר אַלע גאַסן, בנינים,
איז וועט מען די העלדן פון מי, די ריטער פון פרידן דערמאָנען.

די נעמען פון די צעשטערערס ביז צו די היינטיקע בויער,
די נעמען פון גרויסע לערער ביז צו אַ העלד אַ פויער,
עס ווערן קאַנאַלן, טעאַטערס, מוזייען, שפּיטאָלן, זאַוואָדן,
עס ווערן די פּאָרטן, די שיפן מיט העלדישע נעמען באַלאָדן.

מע וועט די אַלטע נעמען ניט לאָזן בלויז אויף די קברים,
פאַראַן איז אַ גאַס אין אָדעס "מענדעלע מוכר ספרים"
פאַראַן אין טביליסי אַ גאַס "שאָטאַ רוסטאַוועלי",
אויך נעמען פון אַנדערע דיכטער פון יענע צייטן ניט פעלן.

פֿאַראַן איז אַ גאַס נאַוואָאי צווישן די גאַסן טאַשקענטער
און עמינעסקו אַ גאַס אין קעשענעוו אין צענטער,
געהאַט האָט טשערנאָוויץ אַ גאַס — הערנסגאַס אָדער פֿאַנסקאַ
און היינט הייסט די דאָזיקע גאַס אָלגאַ קאָביליאַנסקאַ.

פֿאַראַן איז לאַציס אַ גאַס אין ווונדערשיינעם ריגע
און ניט נאָר גאַסן מיט נעמען פֿון העלדן און שרייבער היגע,
פֿאַראַנען לענין־גאַסן אין יעדער שטאָט באַזונדער
און אַלטע פּושקין־גאַסן פֿון ניינצנטן יאָרהונדערט.

נאָר שטיינבאַרג איז אַלץ ניט פֿאַראייביקט, ווי גלייך ס'וואָלטן גאַסן
ניט סטייען,
כאָטש גאַסן ווערן געבויט אין טשערנאָוויץ נייע און נייע
און פֿעלדמאַנס בולוואַר אין אָדעס, ער טראָגט שוין אַן אַנדער נאָמען,
ס'איז פֿעלדמאַנס נאָמען אַוועק צו די נעמען פֿון זעקס מיליאָנען.

און מענדעלעס קבר שטייט, אין זייערע אויגן אַ דאָרן
און סע טוען מיט אים זיינע רעכט די רעגנס, די שנייען, די יאָרן
און בלויז אַ זייטיקע האַנט ברענגט נאָך אַ בינטל בלומען,
אָט באַלד, אָט באַלד, אָט באַלד וועט ניט האָבן ווער צו קומען.

שניי־לידער

יידישע שניי־לידער,
רוסישער שניי,
יידישע וויי־לידער,
יידישער וויי.

רוסישע שניי־וועגן,
יידישער גאַנג,
לידער פון לייוויקן,
גלות־געזאַנג.

"בלימעלעך, קרענצעלעך"
פון מאַני לייב,
צאַצקעלעך, מענטשעלעך,
רוסישע פרייד.

"בלימעלעך, קרענצעלעך
מאָלט אונדז דער פראָסט"
פשוטע יענצעלעך,
אומשולדיק פראָסט.

מעסערלעך, העקעלעך
איבערן קאָפּ,
הייליקע טעקעלעך
קוקן אַראָפּ.

לאָזט מיך געזעגענען
זיך מיטן שניי,
אויב סע וועט רעגענען

ווידער מיט וויי,
וויל איך באַגעגענען
בלויז איינס פון די צוויי,
ניט דעם שניי,
נאָר דעם וויי.

די וועלט גייט פּאַרויס

די וועלט גייט פּאָרויס און איך פאָר צוריק
צו אברהם און יצחק און יעקב,
נאָר די ערד איז רונד. צי איז עס אַ גליק,
וואָס מיר טרעפן זיך ווידער ביים אַקער?

די וועלטפליער פליען און איך פאָר אַהיים,
זיי ברענגען לבנה־שטויבן
און איך קום אַהיים צו דעם אוראַלטן ליים
און הויב אים אויף מיט מיין גלויבן.

די וועלט איז שוין ווייט אין רוים און אין צייט
און איך בין אין עבר פאַרקראָכן
און ס'קומען צו מיר די ווייטע לייט
נאָך זאַלץ אַ ביסל צום קאָכן.

זיי בעטן אַ שפענדל, אַ שוועבעלע בלויז
צום שייטער ביי קאַלטע געצעלטן;
ס'איז שיין און ריין מיין געקאַלעכט הויז
און גרייט אויף אויפנעמען וועלטן.

חיפה 1972

אייניקלעך פון פּאַסטעכער

איינִיקלעך פון פּאַסטעכער פון לעמער,
זענען מיר געוואָרן קרעמער
אויף דער פרעמדער ערד,
איז די ערד דער וועלט געוואָרן שענער
און פאַר אונדז פאַרקערט.

איז די ערד דער וועלט געוואָרן ברייטער
לופטיקער און גראַמער און צעשפּרייטער
און פאַר אונדז צו ענג,
נעם כאָטש, שטעל צום הימל צו אַ לייטער,
קריך אַרויף און הענג.

לאָז אַראָפּ זיך מיט אַ פולן פעסל
ווייַן צי בראָנפן און אין מיטן געסל
עפן אויף אַ שענק.
פאַר אַרום און הימל־מן צום עסן
פאַר די קונים ברענג.

האָבן מיר אין מיטן פונעם האַנדלען,
פונעם וואָגלען, וואַנדערן און וואַנדלען
אָפּגעשטעלט די פערד,
אויסגעשיט די ראָזשינקעס מיט מאַנדלען
און זיך אומגעקערט.

און די ערד פון פּאַסטעכער פון לעמער,
וואָס געוואָרן איינגעשרומפּן, קלענער,
אָפּגעלאָזט, פאַרשמאַכט,
האָבן מיר, די אייניקלעך פון קרעמער,
פרוכפּערדיק געמאַכט.

ליגט ער איצט, דער גלותדיקער קרעמער
מיט זיין הייסן לונגענקראַנקן זמר
אינעם גראָז און שווייגט.
שיינע בלעטער דעקן צו די ביימער,
האָט זיך אויך זיין ברוסט צעצווייגט

און דער זמר שטייגט און שטייגט.

דריי לידער

1

ווער וועט פאַרקלעפּן די שטויבן,
דער ווינט זאָל ניט קאָנען זיי הויבן?
ווער וועט דאָס זאַמד צעמענטירן,
סע זאָל ניט קאָנען זיך רירן?
ווער וועט אַ לעבן דאָ פּלאַנצן
מיט ברויט, מיט וויין, מיט מאַראַנצן?
ווער וועט פון זאַמד
מאַכן אַ לאַנד?
די יידישע האַנט!

2

עס האָבן רשעים געטראַכט:
נו שאַפט, נו בויט, נו מאַכט
פון שטיינער אַ שטאָקיק געצעלט
פון שטויבן און זאַמדן אַ פעלד,
פון זאַמדן און שטויבן אַ וואַלד,
מיר וועלן עס צונעמען באַלד.
עס האָבן רשעים געטראַכט:
נו שאַפט, נו בויט, נו מאַכט!

3

איך זאָג: ״היסטאָרישע רעכט״
מיין פריינד זאָגט, סע פּאַסט פאַר קיין ליד ניט
נו און די מי, דער געפּעכט,
דער שווערער געפּעכט מיטן מדבר?
— סע פּאַסט ניט אוודאי און אוודאי
— איך שרייב ניט, מיין פריינד, קיין באַלאַדע,

איך שרייב דאָס ליד פונעם טאָג,
מיין פען פאַרשרייבט, וואָס איך זאָג
און זאָג איך: "היסטאָרישע רעכט"
און זאָג איך: דער שווערער געפעכט,
געפעכט פון דער מי מיט דער וויסטע ————
——— אַנטלויף ניט, מיין פריינד, ווו ביסטו?
איך טרייב דאָך מיט דיר קיין קאַטאָוועס.
דאָס רעכט פון דער מי,
פון אויפגאַנג און בלי
איז מער נאָך פון קברים און אבות.

גלות־עפּל און קאַרטאָפל

גלות־עפּל און קאַרטאָפל
פון אַ ווייטער גלות־ערד
וואַקסן דאָ, נאָר גלות־סטראָפן
ווערן פון דער זון פאַרצערט.

עפּעס קלינגט ניט דאָ דער גלות
אין דער היגער שיין
און דער פלאַטער פון די פּאָלעס
פון קאַפּאָטעס שטילט זיך איין.

און דער ציטער פונעם פּחד
אין די אויגן פון אַ קינד,
ווערט פאַרשלונגען פון ביחד
טאַנצן אינעם מדבר־ווינט.

כ׳האָב די גראַמען פונעם גלות
ליד און ייד און מיד
זיבן מאָל געגראַמט און אָט איז
אַלץ נישטאָ קיין ליד.

כ׳שלעפּ די ווערטער פון די ווייטן,
ווערטער שלעפּ איך מיט אַ פּאַק,
נאָר ס׳איז אַלץ ניט ווי ביי לייטן,
בלייבן זיי אין זריעה־זאַק.

אפשר שפּעטער? אפשר מאָרגן?
אפשר קיין מאָל ניט? זאָל זיין!
און איך זינג מיר אויס די זאָרגן,
וואָס איך וואַרף אין ים אַריין.

חיפה 1972

שבת

אָפּגעטאָן און אָפּגעראָמט דאָס טישל
פון דער גרויער אַרבעט, וואָס איך טו
און ביים סאַמע סוף פון יום השישי
בין איך גרייט מקבל זיין די רו.

כ׳הער איר שטראָמען איבער מיר אָן כוואַליעס,
כ׳הער איר שטראָמען טיף אין מיר אָן רויש,
ס׳איז אַ שטראָמען, וואָס סע הייסט בלחש,
ס׳איז אַ נאָמען, וואָס ער שטראָמט ניט אויס.

ווי אַ פויגל פון אַ לאַנגן שטייגן,
פון אַ וויַיטן לאַנגן פלי־פּאַרמעסט,
ווען ער זעט פון וויַיט אַ בוים, אַ צווייַגל,
נידער איך. ס׳איז שבת אין מיַין נעסט.

ס׳איז די לופט די שבתדיקע אַנדערש
ווי די לופט די פּראָסטע אין דער וואָך,
וואָס איך האָב אין וואָכעדיקן וואַנדער
אויסגעאָטעמט, טראָגנדיק דעם יאָך.

טראָגנדיק די סטראָפן אויף די פּלייצעס,
גראַמענדיק אַ זונענשטראַל מיט גאַל.
איצטער בין איך ווי אַ פערד פון לייצעס
אויסגעשפּאַנט. ס׳איז שבת אין מיַין שטאַל.

ווי אַ פּרינץ, וואָס הערשט ניט, ווי אַ בעטלער,
וואָס ער שטרעקט צו קיינעם ניט זיַין האַנט.
ווי אַ קינד, וואָס מ׳האָט עס איינגעשלעפערט,
שלאָף איך אויך. ס׳איז שבת אין מיַין לאַנד.

חיפה 1972

דיין אַלטע ווונד

דיין אַלטע ווונד איז ניט פאַרהיילט,
אַ נייע בליט אויף דיינע ביילן,
מיין פאָלק, דיך האָבן אויסדערוויילט
פון גאָר דער וועלט די פיילן.

דיין ווײ־געשריי איז ניט דערהערט,
דיין שלום — אַלץ אַ חלום,
זיי פאָכען ווידער מיט דער שווערד
און ליגנערן פון שלום.

נעם גאַרטל זיך אַרום מיט שרויט,
טו אָן אַ באָמבע אויפן שטערן
און אונדזער טויט איז יעדנס טויט,
אין איינעם אויפגעריסן ווערן.

אין איינעם אויפרייסן די וועלט,
מיר וועלן אייך אָן אונדז ניט לאָזן,
ס'איז גרויס און קליין שוין אויסגעשטעלט,
זיי וואַך, מיין פאָלק, די שופרות בלאָזן.

נושל־אַרטיק

דער דאָרפֿישער ווינט

דער דאָרפֿישער ווינט
שויבערט די פֿעלן פֿון שטאָטישע הינט,
וואָס קענען דעם ווינט ניט ליידן,
נאָר שטאָטישע הינט ליידן און שווייגן,
קענען די שטאָטישע דיכטער דעריבער
קיין משל ניט שרייבן,
שרייבן דעריבער די שטאָטישע דיכטער
משל־אַרטיק,
אַ שורה און צוויי און דריי און פּאַרטיק.

אַ טיגער אין וואָגן

דו נעם, שפּאַן איין אַ טיגער אין אַ וואָגן,
אַ טיגער, וואָס ער קאָן אַ פערד דערשלאָגן,
צי וועט ער, ווי דאָס פערד, דעם וואָגן שלעפּן קענען ?
ס׳איז גרינג צו זאָגן נעם, דו פּרוּוו זיך נעמען,
דערצו אַ טיגער נאָך, אַ חיה רעה,
און שפּאַן אים איין, און פאָר און האָב הנאה !

ס'האָט אַ טיגער

ס'האָט אַ טיגער פון אַ וואַלד אַן אינדישן
זיך צערעדט, צעטענהט אין אַ בוך אַ קינדישן,
אַז ער וועט דאָס קינד צערייסן
אַז ער וועט דאָס קינד צעבייסן,
אַז ער וועט דאָס קינד פאַרשלינגען
מיטן האַרץ און מיט די לונגען,
האָט דאָס קינד אין קלאַס געלאָזט דעם לערער וויסן,
אַז ער האָט דעם טיגער פונעם בוך — צעריסן.

דאָס אייזל, דער פוקס, דער וואָלף און די שאָף

דאָס אייזל, דער נאַר, האָט גערעדט,
דער קלוגער פוקס האָט געהערט,
אַ הונגעריקער וואָלף האָט געגלעט
אַ לעמעלע אויף דער ערד.

אַזוי איז פאַרשריבן געוואָרן,
נאָר ניט אַזוי איז געווען,
אַ וואַנט פון ווייטע יאָרן
דערלאָזט ניט דעם אמת צו זען.

ווייל ניט קיין אייזל רעדט
און ניט קיין פוקס אים הערט,
דער וואָלף האָט ניט געגלעט,
נאָר פאַרצוקט די שאָף פון דער ערד.

כ׳האָב אַזוי פיל האָזן שוין פאַרצוקט

״כ׳האָב אַזוי פיל האָזן שוין פאַרצוקט,
אַז איך בין שוין מערער האָז ווי וואָלף,
דאָך האָט די קאָמיסיע מיך פאַרקוקט,
ווען זי האָט הילף באַשטימט דעם האָזן־פאָלק״
אָט אַזוי האָט זיך דער וואָלף פאַרן פוקס געקלאָגט:
האָט דער פוקס אַ קלער געטאָן און אים געזאָגט:
״נעבעך, נעבעך, מ׳האָט דעם וואָלף פאַרקוקט,
וויפל פוקסן האָסטו שוין פאַרצוקט
און די פאַרצוקסט,
ווייל דו רעדסט דאָך ווי אַן עכטער פוקס!״

גרין גראָז

גרין גראָז.
איבערן גראָז אַ האָז,
נאָכן האָז — אַ יעגער מיט אַ הונט.
לאָמיר אויסטרינקען פֿאַר זייער אַלעמענס געזונט!
דער יעגער זאָל טרעפֿן,
דער האָז זאָל בלייבן גאַנץ.
דער הונט זאָל אים שלעפֿן,
דער האָז זאָל בלייבן גאַנץ.
די יעגערטע זאָל קאָכן
דאָס פֿלייש און די קנאָכן,
דער האָז זאָל בלייבן גאַנץ.
און זאָל מען זיך ניט שפּילן
מיט אונדזער גוטן ווילן,
מיר מיינען נאָר דאָס גוטס
מיר מיינען דאָך די נוץ
פֿון יעגער, הונט און האָז.
גרין גראָז.

קומט אַראָפּ צו אונדז אין הויף

קומט אַראָפּ צו אונדז אין הויף אַ יעגער,
זאַמלען זיך צונויף די פּרעסע־פּרעגער,
האַלט ער אָפּ דריי פּרעסע־קאָנפערענצן
און דערציילט זיי טויזנט דאָסן, יענצן.
ער דערציילט, חלילה, ניט פון האָזן,
וואָס זיין יעגערביקס האָט דורכגעלאָזן,
ווייל די האָזן, גאָט־פאַרשאָלטענע פּחדנים,
זיי אַנטלויפן פון די יעגער ווי פון שונאים,
ער דערציילט פון טיגערס, לעמפּערטן און לייבן
און איז ברוגז, ווען מע וויל ניט גלייבן.

אָן אַ צונג

ס׳האָט אַ מענטש אַ טויב־שטומער פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד
און ס׳איז נאַכט געוואָרן און געוואָרן קאַלט,
האָט ער אומשפּאַצירט אין וואַלד־געדיכטעניש אַליין
שטומערהייט און אָן געוויין,
אָט אַ שפּאַן אַהין, אַ טראָט אַהער
און געפּאַקט זיך אין דער הייל צום בער.
ס׳איז דער בער און זיין משפּחה גראָד געווען זאַט,
האָט דעם מענטשן, גאָט צו לויבן, ניט געשאַדט,
ס׳האָט אַפֿילו זיך דער בער צערעוועט אַזש פֿאַר פֿרייד,
איבערזעצן דאָס אין רייד,
קען עס הייסן: ״קומט אַריין, מיין גאַסט, און רוט אייך אויס
אין מיין גאַסטפֿריינטלעכן הויז!״
האָט דער שטומער אים געוויזן אויף זיין מויל און אויער,
האָט דער בער פֿאַרשטאַנען און באַדויערט
און זיין פֿרוי, דער בעריכע, געטאָן אַ ווונק —
״נעבעך, ס׳איז דער מענטש אַ חיה אָן אַ צונג״.

דאָס הינטל

אויפן זעקסטן זייטל פונעם "אלף־בית"
שטייט געמאָלט אַ הונט, וואָס האַווקעט בייז,
רופט אַ תלמיד צו זיין הינטעלע, זיין לעבעדיקס וואָס אויף דער שוועל,
ווייזט אים אויף די אותיות, וואָס אונטערן געמעל
און באַפעלט אים: לייען דעם גאַנצן טראַף!
שטרענגט זיך אָן דאָס הינטל, לייענט עס איבער: האַוו!
וועטן זיך די קינדער (די חברים פון דער שול) —
זעץ אַוועק דיין הינטל אויף אַ שטול,
לייג אַוועק דיין ביכל אויפן טיש
עפן אויף אַן אַנדער זייטל, מיש!
מישט ער אויף דאָס זייטל מיט דער קו,
ווו ס'איז אונטן אָנגעשריבן: מו!
איז דאָס הינטל פונעם טיש אַראָפּ, אַרויס —
"מיך האָט איר שוין אויסגערופן, איצטער רופט דאָס קעלבל אויס!"

דעם יעגערס הונט

אַ מאָל איז געווען אַ יעגער,
אַ מאָל איז געווען ניט אַצינד,
געווען איז ביים יעגער אַ כלב,
וואָס האָט אים געטריי געדינט.

געווען איז — מען מעג שוין היינט זאָגן —
דער יעגער אַ קאַרגער צום הונט,
דער הונט האָט אין מאָגן געטראָגן
דעם הונגער אַזוי ווי אַ ווּנד.

געווען איז דער ציל פונעם יעגער
דאָס פלייש פון דער חיה, איר פעל,
דעם הונט האָט ער עסן געגעבן
דער חיהס כשרע זעל.

געהאַט האָט דער יעגער אַ נאָמען,
אַ טיטל פון העכסטן ראַנג,
זיין ריכטיקן נאָמען — המן —
גענוצט האָט מען נאָר אין געדאַנק.

געטראָגן אַ הערב אויפן היטל,
אַ הערב מיט אַ וואָלפנבילד,
דער הונט איז געווען נאָר אַ מיטל,
דער ציל איז געווען דאָס געווילד.

און אָט האָט עס איין מאָל געטראָפן,
געגאַן איז דער יעגער אויף יאַגד,
די ביקס האָט פון וייטן געטראָפן,
דער הונט האָט די חיה געפאַקט.

געגלאַנצט האָט דער הערב אויפן היטל,
געוואַרט האָט דער יעגער זיין פאַנג,
דאָס מיטל — דער הונט — האָט געשניטן
די לופט, ווי דער סערפּ שניידט די זאַנג.

די חיה ביים הונט אין די ציינער,
דער ציל ביי זיין מיטל אין מויל,
דאָס מיטל — דעם ציל מיט די ביינער
פאַרשׂרפעט אין מויל וואָלט אויף קויל.

און דאָ איז געקומען דער שׂטן :
„וואָס שרעקסטו זיך, הונט, פאַר דיין האַר ?
פאַרזוך פונעם עץ־הבשר,
פאַרזוך פונעם פלייש, דו נאַר !"

„מען וועט דיך אויף יענער וועלט בראָטן
פאַר האָבן דאָס פלייש אין די ציין
און שרעקן זיך, פאָלגן דעם שטן —
דעם הונגער פון אייגן געביין".

דער הונט האָט געגעבן אַ ציטער,
געגעבן דעם ערשטן ביס,
די סלינע האָט זיס און ביטער
געטאָן אויפן פלייש אַ פליס.

אַ צווייטן ביס און אַ דריטן
און זאָל זיך זיין, ווי סע וויל,
דאָס אויסגעהונגערׂטע מיטל
האָט אויפגעפרעסן דעם ציל.

מיט וואָס וועלן מיר גיין צום פּאַרזיי

פּאַר וואָס זענען סלופּעס און ברעטער
טייערער פון ביימער אין בלי,
פון ביימער מיט צווייגן און בלעטער ?
דער ענטפער איז : מענטשלעכע מי.

די מילך איז טייערער פון גראָז,
אַ פּאַסטעך די קי האָט געפּיטערט.
פון זאַמד איז טייערער דאָס גלאָז
(דאָס איידעלע גלאָז, וואָס ציטערט),
פון גלאָז איז טייערער דער שפּיגל,
פון ליים איז טייערער דער ציגל,
פון ציגל — טייערער די וואַנט,
ווייל וואָס איז דען, וואָס איז אַ וואַנט ?
ס'איז ליים פּליוס מענטשלעכע האַנט.

און זאָל אונדז ניט זיין צו קיין בושה,
מיר האָבן די האַנט בירושה
פון עלטער־זיידן אדם.

פון בוים־וואָל איז טייערער דער פאָדעם,
פון פאָדעם טייערער די ציך,
פון לעדער — טייערער די שיך
(דער לעדערנער ראָק, דער פּאָרטפעל)
פון ווייץ איז טייערער דאָס מעל,
פון מעל איז טייערער דאָס ברויט,
נאָר היט אייך, פריינד, פאַרן טויט.

אין אונדזערע אַרבעטס־טעג,
אין אונדזער גרויסן געיעג
ביים הויבן אַלץ העכער די ווערט,
צי ווערט ניט דאָס לעבן צעשטערט?
עס קען דאָך טרעפן אַ מאָל,
דער ווייץ איז אין גאַנצן צעמאָלט
און ווינד וועט אונדז זיין און ויי,
ווען ס'קומט די צייט פון פאַרזיי,
מיט וואָס וועלן מיר גיין צום פעלד?
מיט לאָקשן? מיט בלינעס? מיט מעל?

ווי אַזוי א. שטיינבאַרג האָט געשריבן

אליעזר שטיינבאַרג פון משלים דער מחבר
שטאַמט, ווי אַלע ווייסן, פון אַ שטעטל פון אַ בעסאַראַבער,
וווּ די יידן אויפן מאַרק דאָרט פלעגן האַנדלען
ניט מיט ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
ווי סע זינגט זיך,
נאָר גאָר ווי אויף יעדן מאַרק, אויף וועלכן מע דינגט זיך,
האָבן זיי געהאַנדלט דאָרט מיט שאָף און רינדער,
און מיט פרישן קעז־און־פּוטער פאַר די קינדער,
פרישע אייער, הינער און מיט עפּל, באַרן, פלוימען
און מיט שפּילעכלעך פאַר קינדערישע טרוימען.
קומט אַראָפּ אויך אויפן מאַרק אַ בלינדער פויערישער זינגער,
קלייבט ער גראָשנס דאָ צונויף מיט זעעוודיקע פינגער
און ער זינגט דאָרט וועגן ליבעס מיט אַ שלעכטער ענדע,
וועגן טויט פון העלדן פון אַ ווייטער פאָלקס־לעגענדע,
וואָס ער פירט זיי צו זיין פאָלק אַריבער
אין דער שפּיץ פון סאַמע גרעסטן גיבור.
קומט אַ טונקעלער ציגיינער מיט אַ בער אַ ברוינעם,
טאַנצט דער בער דאָרט פאַר די סוחרים, פאַר די קונים.
ביזן טאַנצן, נאָכן טאַנצן טוט ער זיך צום עולם בוקן,
קומט אויך שטיינבאַרג מיט גאַנצן שטעטל קינדער קוקן.
קוקט ער צו זיך צו דעם מאַרק מיט זיינע זיטן,
זעט ער, דער ציגיינער האַלט אין לינקער האַנט אַ היטל
און אין היטל טוט ער געלט ביים עולם קלייבן.
שטיינבאַרג איילט אַהיים און נעמט זיך שרייבן,
ניט, פאַרשטייט זיך, וויפל דער ציגיינער האָט צונויפגעקליבן,
אָט וואָס שטיינבאַרג האָט אין יענעם טאָג פאַרשריבן:

״ס׳איז דער בער צום טאַנצן בלויז מיט פּיס געקומען,
האָט פאַר אים שוין דער ציגיינער מיט די הענט צונויפגענומען
ס׳ביסל שכר,
ס׳ביסל האָנאָראַר
פאַר דער קונסט פון טאַנצן
און דאָס געלט, פאַרשטייט זיך, וועגן זיך געלאָזט איינגאַנצן,
האַלב דערפון דערנאָך פאַרטרונקען מיט די גוטע־ברידער,
האַלב פאַרלעבט מיט ווייב־און־קינדער
און דעם בער ווי אַלע טאַנצנדיקע בערן
אָפּגעהיט, ער זאָל, חלילה, פעט ניט ווערן,
ווייל דאָס קאָן צום טאַנצן שטערן״.

אָנגעשריבן אָט די שורות מיט אַ כתב מיט אַ געדיכטן
און ער זעצט זיך גלייך זיי צו פאַרריכטן.

אָט פּרוּוו

אָט פּרוּוו כאַפּ אַ פיש אויף דער ווענטקע פון משל
און פּרוּוו גיב אים לשון, אַז פיש זענען שטום.
אָט זיץ איך ביים טיש, דאָס ליכט איז פאַרלאָשן
און סע דרייען זיך שטומע שאָטנס אַרום.

און שטום זענען ווענט און דער דיל און די סטעליע
און שטום איז דער טיש, ביי וועלכן איך זיץ,
איז פּרוּוו צו פאַרזאָרגן אַזאַ־אָ קאַפּעליע
מיט ווערטער, וואָס קלינגען מיט פאַרב און מיט היץ.

שוין בעסער צו שווייגן אַזוי ווי אַ שאָטן,
ווי איידער צו לייגן אין נאָמען פון פיש,
וואָס ווערן געקאָכט און געפּרעגלט, געבראָטן
און ווערן געשטעלט צו דיר אויפן טיש.

אַ משל

אַ משל פֿון אַ פֿלעשל מיט אַ גלאָז,
אַ משל פֿון אַ בענקל מיט אַ טיש,
אַ משל פֿון אַ יעגער מיט אַ האָז,
אַ משל פֿון אַ פֿישער מיט אַ פֿיש.

משלים זענען דאָ אויף יעדער טראָט,
משלים זענען דאָ צו יעדער צייט,
אַ משל פֿון אַ שטריקל מיט אַ דראָט,
אַ משל פֿון אַ מיטן מיט אַ זייט.

משלים טרעפֿט מען אָן אויף יעדן אָרט,
משלים זענען דאָ אין יעדן הויז,
אַ משל פֿון אַ רעדנער מיט אַ וואָרט
און פֿון אַ קאַץ, וואָס שפּילט זיך מיט אַ מויז.

משלים זענען דאָ אין יעדן בוך,
אויף יעדן זייטל, ווי דו טוסט אַ מיש.
דאָס סאַמע לעצטע משל, וואָס איך זוך,
וועל איך נאָך הייַנט געפֿינען אויף מייַן טיש.

ווי אַזוי איז געבוירן געוואָרן דאָס משל

אויף דער בינע איז שוין אַלצדינג גרייט,
אי דער וואַלד דער גרינער, וועלכער שטייט
אויף אַ גרויסער לייוונט אָנגעמאָלט,
אי די קליינע שטערנדלעך פון גאָלד־
פּאַפּיר, קונציק נאָכגעמאַכט
אויף צו שײַנען, ווען דער טעכניקער וועט מאַכן נאַכט,
אי דאָס גרינע בערגל פון פּאַניר,
בלויז דאָס פּערל, וואָס דאַרף קומען אויף שפּאַציר
און דאַרף שפּילן פאַרן עולם אַ פאַרליבטע פּאָר,
האָט זיך ערגעץ ווו באַהאַלטן און פאַרליבט זיך אויף דער וואָר.
ציטערן די ביימער אויף דער לייוונט אָנגעמאָלט,
קלינגט דאָס גלעקל צו דער צייט, צום דריטן מאָל,
הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג ווי אַ זייגער וואָלט מיט אים געפירט
און ס'איז אַלץ ניטאָ דאָס פּערל דאָס פאַרליבטע, וואָס שפּאַצירט
ערגעץ ווו און קומט ניט צו דעם בינע־וואַלד.
איז דעם וואַלד געוואָרן קאַלט,
ווי אַ וואַלד אַן אמתן בשעת די שרעק
נעמט אים דורך פון עק ביז עק,
ביז סע קומט די רויקייט, וואָס גלעט,
האָבן בוימער אָנגעמאָלטע ווי די לעבעדיקע זיך צערעדט,
מיט גערויש אַרויס און אַרויס מיטן לשון
און אָנשטאָט אַ דראַמע פאַרן עולם אָפּגעשפּילט אַ משל.

אָפן משל

זאָגן, אַז איך האָב אַליין געהערט,
ווי סע רעדט דאָס אייזל צי דאָס פערד,
וועל איך, כ׳לעבן, זיך פאַר אייך ניט שווערן.
ס׳גייט מיר ניט אין לעבן שוין דערפאַר,
ווייל איך קריג פאַר ליריק האָנאָראַר,
מוז איך ניט די אייזלען אונטערהערן.

אָבער, כאָטש איך וויל ניט, דאָך דערגייט
פון אַן אייזל, צי אַ פערד, די רייד,
גלייך דער שכן מיינער וואָלט זיי רעדן,
קאָן איך שוין ניט שווייגן און איך מוז
מיט, צי אָנעם פערדס דערויף רשות
זיינע ווערטער פינקטלעך איבערגעבן.

און גערעדט דער שכן, כ׳מיין, דאָס פערד
האָט גערעדט, ניין, איך מיין פאַרקערט,
מיטן פערד, איך מיין טאַקע מיין שכן,
אַז דער שכן זיינער — דאָס בין איך —
שרייב די לידער מיינע עפּעס גיך,
ווייל איך בין צו אים אין הויף געקראָכן.

מוז איך אים שוין זאָגן, כ׳האָב זיין גראָז
אים צו פּאַשען אויפן אָרט געלאָזט
און קיין בלומען האָב איך ניט געטראָפן,
כ׳דאַרף נאָר פאַרן משל זיינע רייד
און איך לאָז דאָס משל ווי עס שטייט
פאַר דער חכמה פון די פערד און אייזלען אָפן.

רייטער

שטיל. גזלנים גרייטן זיך צו אַן איבערפֿאַל אין וואַלד.
דער קאַסירער פֿון דער באַנק דאַרף דאָ דורכפֿאָרן באַלד
מיט די אוצרות, וואָס ער פֿירט אין זיבן זעק.
האָט אָבער געטראָפֿן, אויפֿן זעלבן וועג
האָבן רייטער, האָבן רעטער אָנגעיאָגט
און די איבערפֿאַלער פֿונעם וועג פֿאַריאָגט,
האָט פֿאַרנויגט זיך דער קאַסירער פֿון דער באַנק
און געזאָגט: אַ גרויסן־גרויסן דאַנק!
האָבן זיך די רייטער שטיל אַרומגעקוקט
און דער נאָך געזאָגט: אַ דאַנק איז ניט גענוג,
האָבן מיר געראַטעוועט די אוצרות פֿון די זעק,
מיטן דאַנק אין איינעם גיב זיי אונדז אַוועק!

דער העלד

ס׳האָט דער העלד פֿאַרטריבן די שונאים פֿון זיין לאַנד
און אַזוי פֿאַרבליבן מיט דער שווערד אין האַנט,
רייטנדיק אויף זיין בראַוון פֿערד,
רייטנדיק איבער גאָר דער ערד
פֿון זיין פֿרייהייטליבנדיקן לאַנד
מיט דער שווערד אין האַנט.

דער ערלעכסטער אויף גאָר דער ערד

ס׳איז אין אינדיע, מײלן טויזנטער פֿון דאַנען,
אין אַ ווינקל דאָרטן אַזאַ דאָרף פֿאַראַנען,
וווּ די לײַט פֿאַרקויפֿן קײנעם גאָרניט,
אויך פֿון אַנדערע זײ קויפֿן אויף אַ האָר ניט,
צווישן זיך זײ האַנדלען אויך מיט קײנעם,
ניט מיט קרובֿים, ניט מיט פֿרײַנד און ניט מיט שכנים,
אויך קײן אַרבעטער ווערן ניט געדונגען,
איז, פֿאַרשטײט איר דאָך אַלײן, דערפֿון געדרונגען,
יעדער לעבט זיך פֿון זײַן פּראַצע דאָרטן,
פֿון זײַן פּראַצע אויף זײַן פֿעלד און גאָרטן,
ניט פֿון רווח, ניט פֿון פֿרעמדער מי, חלילה,
אַז קײן אָקסן ווערען ניט גענוצט אפֿילו
אויך צום אַקער. אָפּגערעדט פֿון שעכטן.
אינעם דאָרף דעם יושרדיקן און גערעכטן
איז דער אָקס בײַ אַלעמען פֿאַרהײליקט,
דרײט ער זיך אַרום אין קײן אַרבעט ניט באַטײליקט
און מע בוקט צו אים זיך און מע דינט אים ;
ס׳איז אַ דאָרף פֿון לויטערע צדיקים,
פֿון די סאַמע ערלעכסטע אויף דער וועלט דער גאָרער,
וועלכע עסן טעגלעך ברויט מיט מרור
און פֿאַרטרינקען נאָר מיט קוואַל־וואַסער מיט קלאָרער,
קינדער ווערן דאָרט אין ערלעכקײט געכאָוועט
און מע גיט זיך אָפּ דאָרט אײנס דעם צווײטן כּבֿוד
און דעם גרעסטן כּבֿוד, אים, דעם ערלעכסטן פֿון אַלע,
וואָס ניט לאַנג געוואָרן ערשט נתגלה.
ער און אויך דער שכן זײַנער, וואָס טוט שטענדיק אים באַגלײטן
און פֿאַרנעמט אין ערלעכקײט דעם ראַנג דעם צווײטן,
ס׳צווײטע אָרט פֿון אַלע ערלעכע אויף דער וועלט דער גאָרער,

צווישן די, וואָס עסן ברויט מיט מרור,
האָט דער צווייטער אין אַ שיינעם טאָג פֿאַרטראַכט זיך,
ווי מיט אַלע צווייטע אויף דער וועלט סע מאַכט זיך.
נאָכן טראַכטן צו אַן אויספֿיר באַלד געקומען:
„ווען ניט יענער, ס׳ערשטע אָרט וואָלט איך פֿאַרנומען,
ערשטער צדיק מיטן סאַמע בעסטן נאָמען
אין אַ וועלט מיט מענטשן טויזנטער מיליאָנען".
און ער הרגעט באַלד דעם ערשטן און ער ווערט
ערשטער צדיק אויף דער גאָרער ערד.

דער חלף

אַלע ווייסן, אַז אַ חלף דאָס איז ניט קיין האַרף,
אָבער זאָגן, אַז דער חלף איז ניט שאַרף,
ווייל סע לוינט אונדז, ווייל אַזוי מע דאַרף,
ווייל מע הייסט אַזוי,
איז ווי זאָגן, אַז קיין טרוקן שטרוי
ברענט ניט אין קיין פייער
און סע קאָן אונדז אָט דאָס זאָגן
קאָסטן זייער־זייער טייער.
עפּעס אַנדערש איז ניט פאַלן אויף די קני
פאַר דער חלף־שאַרף,
עפּעס אַנדערש איז ניט דינען אים מיט גייסט און מי
מיטן תירוץ, אַז מע דאַרף,
עפּעס אַנדערש איז ניט אָנבויגן דעם קאָפּ
און ניט שווייגן, ווען מע טרעט
און מע וואַרפט דיך פון די טרעפּ אַראָפּ,
עפּעס אַנדערש, זיך ניט שטעלן אין אַ זייט,
ווען דיין ברודער קרעכצט,
ווען דיין ברודער שרייט.

דאָס גרינגסטע אויף דער וועלט

ביי אַ פויער האָט מען צוגעגנבעט ביידע פערד,
די קאַרטאָפל אויסגעגראָבן פון דער ערד
און פון אַלטן אָקס אַראָפּגעשלעפּט די פעל,
אויך דאָס חזיר־שמאַלץ באַגנבעט, זיבן זעקלעך מעל
און געלאָזט אים, ווי מע זאָגט, אין גרויסער נויט
און געלאָזט אים, ווי מע זאָגט, אָן אַ שטיקל ברויט.
האָט דער פויער באַלד זיך אויף דער וועלט געלאָזט,
אומגעוואַנדערט און אום ווינטער איין מאָל אין אַ פראָסט
האָט ער איינס פון זיינע פערד אויף אַ יאַריד דערקענט
און געפּאַקט דעם גנב און געבונדן אים די הענט
און דערלאַנגט אים אין די ציין און אים אויסגעהאַקט אַן אויג,
מיט די שטיוול אים אין בויך געפּויקט ווי אין אַ פּויק
און דערנאָך ערשט אַ צעהרגעטן געבראַכט אים אין געריכט,
ס'איז דער זאַל דער גרויסער פון געריכט געווען געדיכט,
פול מיט מענטשן און דער ריכטער האָט געלייענט מאָראַל
אונדזער גנב, וואָס געזעסן איז אין זאַל
אַ באַוואַכטער פון אַ גרויסער וואַך פון פּאָליציי.
ס'האָט דער ריכטער אָנגעהויבן: "גנב, איי־איי־איי!
שטייסט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט ווי אַ לעמעלע אַצינד,
וואָס האָסטו געטראַכט ביי זיך, ווען באַגאַנגען ביסט די זינד?"
— כ'האָב געטראַכט פון מיינע הונגעריקע ווייב־און־קינד.
— און דער פויער האָט דען ניט קיין קינד, קיין ווייב?
— ער אַליין האָט עס דערציילט מיר, כ'פּיל עס אויף מיין לייב.
— ניט געטאָרט דיך שלאָגן, אמת, דאָס איז אונדזער זאַך
שטראָפן, שמייסן, האַלטן אין געפענגעניש פאַרמאַכט.
זאָג נאָר, גנב, זיי זיך מודה דאָ פאַר אַלע, כ'מיין,
גרינגער איז צו נעמען פאַרטיקס, איידער נאָכן אַקער גיין.

— ניין !
זאָג דער גנב, קריצנדיק די ציין —
גנבענען איז גרינגער טאַקע ווי צו אַקערן אין פעלד,
נאָר צו משפטן אַ צווייטן, איז דאָס גרינגסטע אויף דער וועלט.

ס'איז געווען אַ מאָל אַ גרויסער גביר

ס'איז געווען אַ מאָל אַ גרויסער גביר
און ווי יעדער גרויסער גביר,
האָט ער אויך געהאַט קאַפּריזן פיר
אָדער פינף־זעקס צי זיבן־אַכט,
אויפשטיין פלעגט ער האַלבע נאַכט,
עסן עפּל־באַרן ניט געשיילט
און מיט פלוימען האָט ער אויך זיך ניט פאַרטיילט,
ווייל ביי טאָג האָט ער דאָך, נעבעך, ווייניק־וואָס געהאַט אין מויל,
ער קיין פלייש האָט ניט געגעסן, דאַרפט איר ויסן ווויל,
ער געווען אַ וועגעטאַריער און פון יענעם מין,
וואָס אפילו אייער און מילך איז טריף לויט זייער דין.
פלעגט ער גאַנצע טעג אַרומגיין מיט אַ בייטל געלט
צווישן די קצבים פון אַ האַלבער וועלט
אויפקויפן ביי זיי די פליישן און געגעבן צו פאַרשטיין,
אַז ער וויל ניט, אַז דאָס פלייש זאָל צו די פליישעסערס דערגיין,
נאָר וואָס מער ער האָט די פליישן אויפגעקויפט,
מערער האָט מען אויף דער וועלט געקוילעט און פאַרקויפט.

דער וועגעטאַריער

שטייטביים קלאָץ דער אַלטער קצב, האַקנדיק דאָס פלייש,
שטייען אין דער ריי צו אים די ווייבער מיט די קייש
און דער קצב לויבט די פליישן, אַלע סאָרטן, אַלץ,
אי דאָס רינדנפלייש, אי דאָס קאַלבנפלייש, אי דאָס חזרשע שמאַלץ,
דעם דערוועגט ער ניט אַ קאַפּל, דעם דערגיט ער ניט צום רעשט,
ניט קיין יאָלד פון קליינעם שטעטל, ער איז ניט פון מאַרקולעשט.
נאָך דער אַרבעט וואַשט די הענט ער, ס'וואַרט אַ מילעכדיקער טיש
ער אַליין — אַ וועגעטאַריער — עסט ער ניט קיין פלייש, קיין פיש,
עסט ער פּוטער און מאַראַנצן און די סאַמע טייערסטע פּרוכט,
די רשעים פליישנעסער אין זיין פרומען האַרץ ער פלוכט
און ער פרעגט זיך זעלבסטצופרידן: „די בעלי חיים ווער פּילט מיט?
איך אַליין און גאָט אַ ביסל, מערער קיינער ניט!"

לאָזט זיך דער הימל

לאָזט זיך דער הימל אַראָפּ אויף דער ערד
טרעטן דעם הימל די שאָף און די פערד,
מאַכן די בוימער אַ גרויסן געוואַלד,
זאַמלען צונויף זיך אין איין גרויסן וואַלד.
נעמען דעם הימל צו זיך אויפן קאָפּ,
לאָזן שוין מער אים אויף דר׳ערד ניט אַראָפּ,
ווויעט דער וואָלף, דער לייב זיך צעברומט,
ווערן די פערד און די שאָף פאַרשטומט,
לאָזט זיך דער וואָלף און דער לייב נאָך זיי,
ס׳טוט זיי שטאַרק פאַרן הימל וויי.

הינער און אייער

איך האָב צו מיינע קריטיקער אַ פראַגע —
עס האָט געשאַפן זיך אַ מאָדנע לאַגע,
כ׳האָב אָנשרייבן געזאָלט אַ משל וועגן הינער,
נאָר אין משלים, ווי איר ווייסט, בין איך נאָך אַ גרינער
און ס׳האָט באַקומען זיך אַ משל וועגן אייער.
איצט ווילט זיך מיר עס ויסן זייער,
צי מעג איך נוצן אייער צו משלים,
ווי, למשל, צו געבעקס און אייעריקע מאכלים.

מיין ווייבל זאָגט, זיי גיבן צו אַ טעם
צו יענער שיינקייט, וואָס סע גיט דער גראַם
און אַז זי זאָגט, איז ווייסט זי מן הסתם.

ס׳לעצטע וואָרט פון דער טעכניק

אין פּאַריז פּאַראַן אַ מאַרק איז פון אַנטיקן,
קענט איר דאָרטן טרעפן אויך מיין באַבעס גליקן
און אַ רעדל פון מיין זיידנס וואָגן,
אַן אַנטיקל אויף די הענט צו טראָגן,
ווייל צום פאָרן טויג עס שוין ניט איצטער.
שטייען די פאַרקויפער דאָרט פאַרשוויצטע
און מע לויבט דעם ייחוס פון דער סחורה,
יעדער הענדלער אַ פּראָפעסאָר, וואָס זאָגט תורה,
לעקציעס האַלט ער פאַר די קונים יאָלדן.
איינער האַלט אַ יאַרמלקע מיט זיבן טראָלדן
פון אַ טערקישן סולטאַן פון סאַמע סטאַמבל,
כאָטש, דעם אמת, איז עס רעקוויזיט פונעם מאַרק־אַנסאַמבל.
אַלפנשניי מע לייגט אייך פאַר אויף אַ טעצל,
אַ שקאַטולקע פון די ביינער פון אַן אַפריקאַנער קעצל,
גראָז פון די קאַרפּאַטן, זאַמד פון בערג באַלקאַנער.
אויפן מאַרק באַווייזט זיך אַן אַמעריקאַנער
און ער לאָזט זיך די אַנטיקן ווייזן
ניט פון שטיין און ביין נאָר מערסטנטייל פון אייזן.
ווייזט מען אים אַ פּאַטעפאָן מיט אַלטע פּלאַטן,
קויפט ער אים און שרייבט אַ היים זיין טאַטן:
כ׳האָב געקויפט דאָס סאַמע גרעסטע ווונדער,
ס׳לעצטע וואָרט פון דער טעכניק פונעם יאָרהונדערט,
טייער, אמת, נאָר כ׳וועל פאַרקויפן עס פאַר דאָפּלט —
ס׳איז אַ ראַדיאָל אָן אַ שנור און אָן אַ גאָפּל
און קיין ראַדיאָ־אויפנעמער באַדאַרף ער ניט אין גאַנצן
און סע שפּילט, כאָטש שטעל זיך תיכף טאַנצן,
בלויז אַ קאָרבעלע פאַרמאָגט עס, וואָס מע דאַרף עס פריער דרייען,
ס׳דרייט זיך זייער גרינג, נאָר גרינגער איז אין צווייען,

אַנגעדרייט עס און ס׳שפּילט דערנאָך אַ וווּנדער,
ס׳לעצטע וואָרט פון דער טעכניק פונעם יאָרהונדערט.
לאַכט מען אויס פון אים זיך און מע טראַכט:
אפשר האָט מען גאָר אומזיסט געלאַכט?

שטיפעריש

מאָנאַרכישע אידיליע

ס'האָט אַ מאָל געלעבט אַ מלך
מיט אַ מלכה אין דער פּאָר ;
ער — אַ שווערע קרוין געטראָגן,
זי — געטראָגן פרעמדע האָר.

פאַרן שלאָפן פלעגט דער מלך
אויסטאָן פונעם קאָפּ די קרוין,
אויך די מלכה איר פּאַרוקל,
ווען געווען ס'איז פינצטער שוין.

טאַפּט די מלכה אָן דאָס קעפּל
פונעם מלך און זי רעדט :
"ווער האָט אָט דאָס קאַלטע טעפּל
צוגעשטעלט צום הייסן בעט ?"

כאַפּט דער מלך אָן די מלכה
ביי די לעצטע האָר פון קאָפּ
און ער רייסט איר אויס דאָס צעפּל,
וואָס געווען אַמאָל אַ צאָפּ.

ווען ס'האָט אָנגעקלאַפּט דער דינער,
איז געוואָרן שטיל די פּאָר,
ער האָט אָנגעטאָן די קרוין זיך,
זי — די פרעמדע לאַנגע האָר.

און אַרויסגעגאַן אין דרויסן
און געוויזן פאַרן פאָלק,
אַז זיי לעבן ווי די טויבן,
אַז זיי לעבן מיט אַ טאָלק.

ס׳איז ענגלאַנד, זאָגט מען...

ס׳איז ענגלאַנד, זאָגט מען, אַ גן־עדן
פֿאַר אַלטע אָפּגעלעבטע מיידן,
איך שטעל מיר פֿאָר שוין דעם גן־עדן
אָן פֿרויען־ליבע, פֿרויען־פֿריידן.

ס׳איז ענגלאַנד, זאָגט מען, אַ גהינום
פֿאַר דעם, וואָס קאָן אַליין ניט נעמען
און וואַקלט זיך און טוט זיך שעמען
און קאָן ניט אויסכאַפּן ביי יענעם.

און דאָך אַזוי ווי אַלע לענדער
האָט ענגלאַנד אויכעט זיך געענדערט,
אַוועק די מיידן מיט די יאָרן
און אַנדערע זענען אַלט געוואָרן.

מיין שטאַטיש מיידל

מיין מיידל אַרבעט אין פאַבריק
ביים פאַקעווען קאָנפעטן,
מיין מיידל קעמפט פאַר ליכט און גליק
און ליב האָט זי פּאָעטן.

זי זאָגט מיר: הער, אַ דיכטער דאַרף . . .
און רעכנט אויס אַ צעטל,
זי רעדט מיט מיר אי שטרענג, אי שאַרף —
דער לערער פון פּאָעטן.

און ווייל איך כאַפּ ניט מיט אַ מאָל
די תורה פון מיין מיידל,
זי הויבט אַלץ העכער אויף דאָס קול
און שרייט אויף מיר ניט־איידל.

איך שטיי פאַרלוירן און איך וויל,
מיין מיידל שטאַרק געפעלן,
נאָר וואָלט זי כאָטש־בי רעדן שטיל,
איך וואָלט נאָך מערער וועלן.

מיין מיידל איז אין מיר אַנטוישט
און לאָזט אַליין מיך איבער,
און איך בלייב זיצן ביי מיין קויש
מיט שטעטלדיקע לידער.

און ס'דאַכט זיך מיר, זי לאַכט איצט שטאַרק
פון מיר, פון דעם צעדרייטן;
מיין מיידל שפּאַנט אַצינד אין פּאַרק
און לערנט שוין אַ צווייטן.

לויטן זכרון

הערט אויס מיך אַ כעלעמער מעשה,
נאָר פריער האָט אַלע אין זינען —
די ערד איז דאָרט ווינטער אַ ווייסע,
די ערד איז דאָרט זומער אַ גרינע.

און הויבט אָן אַ ווינט דאָרט צו בלאָזן,
פאַרדעקט ער דאָס שטעטל מיט שטויבן,
דאַך וואַקסן אַרויס דאָרט די גראָזן,
די שנייען דאָרט פאַלן פון אויבן.

דער שניי איז דאָרט גוט פאַר אַ שליטוועגס,
דאָס גראָז איז דאָרט גוט פאַר די ציגן,
מע קאָסיעט עס אָן אין אַ מיטוואָך,
מע לאָזט אויפן בוידעם עס ליגן.

נאָר גיי און דערצייל דאָרט די קינדער
פון שניי צי פון גראָזן צום קאָסיען,
אַז צווישן דעם זומער און ווינטער
ציט זיך אויס אַ לאַנג־לאַנגער אָסיען.

און הויבט אָן אין אָסיען אַ רעגן,
איז ניט אויף אַרויסצוטרעטן,
די בלאָטעס פון אַלע וועגן
זיך גיסן צונויף אינעם שטעטל.

ווי אַלע אָרעמע מלוכות
פאַרמאָגט אויך דאָס כעלעם אַ קעניג
אַ בייזן ווי זיבעצן רוחות,
וואָס וויפל מע גיט אים, איז ווייניק.

ס'האָט גאָלדענע שיך דאָרט ער איינער,
איז וויל ער מיט זיי זיך באַווייזן,
נאָר בלאָטע איז דאָך ניט קיין שטיינער
און גאָלד איז דאָך ניט קיין אייזן.

איז הטאָ דאָרט די דומע באַשלאָסן
(מע האָט עס איר פריער באַפוילן)
צו קויפן דעם קעניג קאַלאָשן,
די טיפּסטע קאַלאָשן פון פוילן.

דער קעניג אין זיי מיט די גאָלדענע שיך איז
אַריין און גענומען זיך גרויסן,
דער קעניג — דער גרעסטער ייחוס —
מאַרשירט אין דער בלאָטע אין דרויסן.

מאַרשירט מיטן קאָפּ הויך פּאַריסן,
נאָר ס'האָבן די טראָפּנס פון אויבן
געטריפט און גענומען האָט גיסן
דעם קעניג גלייך אין די אויגן.

און דאָ האָט דער אויבערשמש
דעם קעניגס קאָפּ אָנגעבויגן
און ס'איז אים בפועל ממש,
געוואָרן פינצטער אין די אויגן.

צי האָט מען דעם קעניג באַגנבעט,
דעם קלוגסטן, דעם כעלמער קעניג?
און ס'האָט זיך דער שמש צעחנפעט:
„מיין קעניג, שיינט אינעווייניק".

דאָס גאָלד אין קאַלאָשן באַהאַלטן —
וואָס טוט מען, אַז יעדער זאָל זען עס ?
מע מאַכט אין קאַלאָשן שפּאַלטן
און זאָל מען זען, אַז ס׳איז אמת.

נאָר דאָ איז אַ נייע צרה,
ווי נאָר מ׳האָט זיי איינגעשניטן,
זיי זענען פולע געוואָרן
מיט בלאָטע, ווי גלייך מ׳האָט פאַרביטן

די קעניגלעכע קאַלאָשן,
דעם קעניגס קאַלאָשן די טיפע.
און גלייך איז געוואָרן באַשלאָסן
צו רופן אַן עקסטראַ־אַסיפה.

געפונען האָט גלייך די אסיפה
אַן אויסוועג אַזאַ, וואָס וועט טויגן,
מע דאַרף די קאַלאָשן די טיפע
פאַרשטאָפּן מיט שטרוי פון די סטויגן.

געוועזן, פאַרשטייט זיך, אויך קעגנער,
די פויערים־דעפּוטאַטן,
און ס׳האָבן דאָרט זייערע רעדנער
געשאָלטן אין טאַטנס טאַטן.

אַן אויפשטאַנד האָט אויסגעבראָכן
מיט אמתע פראָנט־געשלעגן,
וואָס האָבן געדויערט וואָכן
אויף אַלע גאַסן און וועגן.

געוועז ניט אַרויסצוטרעטן,
צום סוף איז דער קעניג אַנטלאָפן,
אַוועק אין אַן אַנדער שטעטל,
נאָר ס'האָט דאָרט דאָס זעלבע געטראָפן.

פון קעניגס עקזיל אין דרויסן
איך וועל אייך דערציילן באַזונדער,
אַזוי פיל געשעענישן גרויסע
אין איין און דעם זעלבן יאָרהונדערט.

איך ענדיק דערווײַלע די מעשה.
וואָס איר האָט געהערט און באַוווּנדערט.

✶

פון וואַנען איך ווייס, אַז די מעשה
איז ניט קיין אויסגעטראַכטע?
איך האָב דערצו באַווייזן
פון אַלטער קאַציזנע געבראַכטע.

קאַציזנע, עליו השלום,
דער וואַרשעווער יידישער שרייבער
איז ניט געוועזן, חלילה,
קיין לץ, קיין קאַטאָוועס־טרייבער.

ער האָט געפאָרשט די אַרכיוון
און דאָרט ווערט אַלצדינג געשילדערט
און פון די קאַלאָשן די טיפע
געמאַכט אויך פאָטאָ־בילדער.

ס'האָט אַלטער געזאַמלט געקליבן
אַ פּינטעלע אַ ליאַדע,
דערנאָך האָט ער אַלצדינג באַשריבן
אין זיינער אַ כעלמער באַלאַדע.

איך האָב זי בשעתו געלעזן,
פון דעמאָלט אַוועק זענען יאָרן
און היינט, מיינע ליבע לעזער,
דערציייל איך זי לויטן זכרון.

פאָלקסטימלעך

— דער שנײ האָט פאַרשיט מײן טיר,
איך קען ניט אַרויסגײן צו דיר.
— איז דאַרף מען ניט, זיץ אין דער הײם
און וואַרט ביז דער שנײ וועט צעגײן.
אַ צווײטער איז פלינקער פון דיר,
ער האָט שוין דעם שנײ פון זײן טיר
און פון זײן טויער פאַרשאַרט
און דו זיץ אין שטוב און וואַרט.
און ווען דער שנײ וועט צעגײן
און טרוקן וועט ווערן דאָס לײם,
די שיך פוץ דיר אָפּ מיט אַ גלאַנץ
און קום אויף מײן חתונה, טאַנץ!

ערב יום כפור

מאַריאַ בת פּיאָטר שיקט אין שטאָט
צוויי ליכט אין דער יידישער שול
און בעט, מען זאָל בעטן דעם יידישן גאָט,
איר תּפילה זאָלן ווערן דערפולט.

שוין עטלעכע יאָר ווי קראַנק זי ליגט
מיט צוויי געשוואָלענע פיס,
זי האָט שוין ליכט אין קלויסטער געשיקט,
נאָר דאָס איז ווייניק, געוויס.

ווייל גאָט איז אַ פאָטער פון יעדן פאָלק
און פונעם יידישן אויך,
אין אַלע קראַנקהייטן ווייסט ער אַ טאָלק
אין אַלע קראַנקהייטן ווייסט ער אַ טאָלק —

ס׳איז מאָרגן יום כפור, ״סודני־דיען״,
זי ווייסט סאַראַ טאָג דאָס איז,
באַזונדערס פון זינט זי ליגט און קען
ניט רירן די קראַנקע פיס.

איר מאַמע, געדענקט זי, האָט איר אַמאָל,
מאַריאַ איז אַ קינד נאָך געווען,
איר אָנדערציילט פונעם פאָלק ישראל,
אפילו פונעם בעל שם.

עס היילט זי אַ יידישער דאָקטער פון שטאָט,
נאָר דאָס איז ווייניק, געוויס,
איז זאָל אים העלפן דער יידישער גאָט,
איר אויסצוהיילן די פיס.

זי שיקט די ליכט מיט איר זון איוואַן,
ער פאָרט אין שטאָט אַריין גראָד,
ער פירט די ליכט אין זיין שאַראַבאַן,
פאַרפאָרט צום יידישן גאָט.

פאַרפאָרט צו כל נדרי און ער בעט
ביים עולם מיט אַ געוויין:
"נעמט צו די ליכט", מע ענטפערט אים: "שפּעט,
איז צינד זיי אָן אַליין!"

דאָ האָט איוואַן זיך אָפּגעשטעלט:
"צי מיינט איר, אַז כ'בין אַ נאַר?
פאַר מאַכן פייער צאָלט איר דאָך געלט,
באַצאָלט זשע מיר, יידן, דערפאַר!"

און ער האָט באַשריבן

און ער האָט באַשריבן אַלצדינג גענוי,
דערביי זיך געסטאַרעט, סע זאָל אַרויס אַזוי,
ווי ס'איז געווען, ווי ס'איז געשען,
ווי אַזוי ער האָט זי צום ערשטן דערזען,
ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרליבט אין איר,
ווי אַזוי ער האָט זי געפירט אויף שפּאַציר,
ווי אַזוי ער האָט זי צו זיך געבראַכט,
ווי אַזוי ער האָט מיט איר פאַרבראַכט
אַ גאַנצע גליקלעכע ליבע־נאַכט,
ווי אַזוי עס איז פון זייערע זינד
געבוירן געוואָרן אַ לעבעדיק קינד.

נאָר ניין, די מעשה לוינט אים ניט היינט,
עס האָט געדאַרפט דאָך אַנדערש זיין,
עס איז דאָך אין גאַנצן אַנדערש געווען,
ער האָט זי דאָך קיין מאָל ניט געזען
און קיין מאָל זיך ניט פאַרליבט אין איר,
זי קיין מאָל ניט געפירט אויף שפּאַציר,
זי קיין מאָל אין ערגעץ ניט געבראַכט
און ניט פאַרבראַכט מיט איר קיין נאַכט
ניט אין מצוות און ניט אין זינד,
ווו טוט מען אָבער אַהין דאָס קינד ? !

שטעלט אייך אַ רגע פֿאָר

שטעלט אייך אַ רגע פֿאָר, אַז אַלץ איז געוואָרן פֿאַרקערט,
עס קוקט אויף אונדז אַראָפּ אַן אויסגעלאַמטערנטע ערד
און אונטער אונדזערע פֿיס, דער הימל צעטרעטן ווערט.

די שפּיל האַלט לאַנג ניט אָן און אַלץ איז צוריק אויפֿן אָרט
און דער צעטראָטענער שטערן איז גאָר אַ מעשׂענע קוואָרט,
וואָס איך האָב אַריינגענומען אין ליד אַריין פֿאַר אַ וואָרט.

אונטער יאַנקעלעס וויגעלע

אונטער יאַנקעלעס וויגעלע
שטייט אַ קלאָר־ווייס ציגעלע,
יאַנקעלען רופט מען יאַשע,
עסן גיט מען אים קאַשע
און דאָס ציגעלע אונטערן וויגעלע
האָדעוועט מען מיט פּאַשע.

וויפל יאַשענקע איז געשלאָפן
האָט דעם ציגעלע גאָרניט געטראָפן
נאָר אַז יאַשע איז אויפגעשטאַנען,
אָנגעהויבן אַרומצושפּאַנען,
וואָס זאָל מען טאָן מיטן ציגעלע
אונטערן ליידיקן וויגעלע?

וואָלט מען יאַשען געקויפט אַ שוועסטערל,
זאָל זיין חנהלע צי אסתרל,
וואָלט ער איר אַוועקגעגעבן
ס׳ציגעלע אויפן גאַנצן לעבן,
וואָלט עס איר דערנאָך פאַרבליבן
פאַר די טעקעלעך די זיבן,
וואָס מע טוט אין זיי פאַרגעסן,
ווייל זיי מאָנען ניט קיין עסן.

מיר, די פֿאַרגווישטע ייִדן

מיר, די פֿאַרגווישטע ייִדן, ייִדן ווי גויים גלייך,
ניט קיין פּישקע דער קרומער און ניט ווי ראָטשילד רייך,
ניט קיין פֿרומע כניאָקעס און ניט קיין גזלנים פֿון וועג,
מיר, די ייִדן פֿון פּראָסטע וואָכעדיקע טעג,
בעטן אייך, די יחסנים און הויכגעשטעלטע לייט,
ווייניקער צו דרשנען און שאַנעווען אונדזער צייט.

עס מאַכט די נאַכט מיך וואַכנדיק

עס מאַכט די נאַכט מיך וואַכנדיק,
דער טרויער מאַכט מיך לאַכנדיק
און די לבנה בלינד,
די בלינדע ווערן זעעוודיק,
די טויבע ווערן הערעוודיק,
מיין זיידע ווערט אַ קינד.

דער זיידע ווערט אַ קלייניקער
אַזוי ווי זיינע אייניקלעך
און לויפט מיט זיי גאַלאָפּ,
ער שפּילט מיט זייערע שפּילעכלעך
און דרייט מיט זייערע מילעכלעך,
פאַרדרייענדיק דעם קאָפּ.

סיי זיך און אויך דער באָבעשע,
וואָס טראָגט פון מאַרק אַ קאָשיקל
מיט אַל דאָס גוטס אין דעם,
מיט קנאָבל און מיט פּעטרישקע,
מיט קלייען אויף אַ לעמעשקע,
פון הערן און פון זען.

און איך פון הויז דאָס שנעקעלע,
מיט ברילן, מיט אַ שטעקעלע
באַזונדער און אַליין,
איך לייען מיר קלוגע ביכעלעך,
פאַרבייס מיט ווייכע קיכעלעך
מיט מיינע קאַלטע ציין.

גרינע אויגן, רויטע נאָז

גרינע אויגן, רויטע נאָז,
ס'האָט אַ ווינט געטאָן אַ בלאָז,
האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ האָז
און פון שרעק אין וועג אַוועק
און דעם יעגער אויפגעוועקט,
וואָס געשלאָפן איזביים עק
פונעם וואַלד אין גרינעם גראָז,
נעבן אים אַ פלאַש, אַ גלאָז —
גרינע אויגן, רויטע נאָז.

כ'װעל שױן גאָרניט צוטראַכטן

כ'װעל שױן גאָרניט צוטראַכטן קײן נײס,
כ'װעל קײן נײעס שױן דער װעלט ניט זאָגן,
סײדן, אַז דאָס שײנע מײדל װײס
איז פֿון ײנגל שװאַרץ פֿאַרגאַן אין טראָגן.

כ'װעל שױן גאָרניט צוטראַכטן קײן נײס,
ס'איז ניטאָ קײן נײס די לעצטע יאָרן,
סײדן, אַז דאָס שײנע װײבל װײס
האָט אַ בחור יענע נאַכט געבאָרן.

כ'װעל שױן גאָרניט צוטראַכטן קײן נײס,
סײדן, אַז דער בחור איז געראָטן
אין זײן טאַטן און ער זעט מיר אױס
אַ ציגײנער, װען ער שטײט אין שאָטן.

כ'װעל שױן גאָרניט צוטראַכטן קײן נײס.

לבנה־לידער

צידה לדרך

און איידער איר לאָזט זיך אַוועק אין קאָסמאָס,
פֿאַרגעסט ניט מיטצונעמען אַ טערמאָס,
אַ דריי־ליטראָוון מיט מילך צי מיט טיי
און אויך אַ פּאָר שטעקשיך, וואָס אין זיי
איר וועט דאָרט אויף דער לבנה לאַנדן,
אויף אירע באַלויכטענע געלע זאַמדן.

פֿאַרגעסט ניט אַ קעמעלע מיטצונעמען
און פֿאַרן אָפּשטייגן זיך פֿאַרקעמען,
ראַזירגעצייג — אַן עלעקטראָ־מעסער
מעג זיין אַ „ניעוואַ" נאָר אַ „כאַרקאָוו" איז בעסער,
איר קענט אים אָנשליסן, זייענדיק דאָ,
און ציען דעם שנור דורכן קאָסמישן בלאָ.

פֿאַרגעסט ניט אַ קישעלע אַ וואָלנס
אַן אויסגענייטס ווי אַן אויסגעמאָלנס,
אַ ווייכס און אַ וואַרעמס צו נעמען אין וועג,
אין וועג אויף לאַנגע נעכט און טעג.
ווען איר וועט דאָרט מיד ווערן פֿון גיין,
זאָלט איר זיך ניט זעצן אויף הוילן שטיין.

פֿאַרגעסט ניט קיין שוועבעלעך מיטצונעמען
און זאָל דאָרט אַ שייטער זיך צעברענען
אין סאַמע מיטן פֿון דער לבנה,
אַ שׂריפֿה דאָרט איז ניט קיין סכּנה,
ס'וועט ליכטיקער ווערן סיי דאָרט, סיי דאָ
ביי נאַכט, ווען ס'איז קיין ליכט ניטאָ.

דאָרטן־דאָרט

דאָרטן־דאָרט אויף דער לבנה
איז אַן אָזיערע פּאַראַנען,
וואָס מע זעט זי קוים פון דאַנען
שווימען אום דאָרט ווייסע שוואַנען.

ניט קיין וואַסערן זיך כוואַליען,
ס'איז אַן אָזיערע פון שיינען,
ליכטיקע לבנה־וויינען
פון אַ פייער פון אַ פיינעם.

אַז דו וועסט אַהין צו קומען,
זאָלסטו ביי דעם ראַנד זיך זעצן.
קוקנדיק ווי שוואַנען שווימען,
וועסט די שיך זיך ניט פאַרנעצן.

נאָכן פרישטיק, נאָך די וווּרשטן,
אַז עס וועט דיך נעמען דורשטן,
נאָך די וווּרשטן, נאָך די שינקען
זאָלסטו דאָרט דעם ווייַן ניט טרינקען.

ס'איז ביי דיר אַ פלאַש פאַראַנען,
וואָס דו פירסט מיט זיך פון דאַנען
און אין ווייַן, אין שיין פון דאָרטן,
לאָז דאָרט אומשווימען די שוואַנען.

לבנה־שפּראַך

די לבנה דאַרף מען ניט אַנטדעקן
ווי אַמעריקע, למשל,
די לבנה דאַרף מען נאָר באַטרעטן,
פריער דאַרף מען זיך אין שטעטל
אויסלערנען לבנה־לשון.

שפּעט ביי נאַכט.
טיר און טויער צוגעמאַכט,
בלויז איין טירעלע איז אָפן
און ווען אַלע־אַלע שלאָפן,
כאַפּט זיך מאָטעלע אַרויס —
די לבנה איז פול און גרויס,
קלאַפּט ער אָן אין נאָך אַ טירל,
קומט פון דאָרט אַרויס זיין מירל,
גייעןביידע זיי שפּאַצירן
און מע רעדט אַ סך אַ סך
און מע רעדט לבנה־שפּראַך.

אין די זאַמדן

אין די זאַמדן דער לבנהס
איז קיין ברונעם ניט פֿאַראַן,
דורך לבנהקע מדבריות
ציט אַ לאַנגער קאַראַוואַן,
ס'ציען לאַנגע קעמל־שאָטנס
מיט אַ גלייכמעסיקן שפּאַן.

ס'איז דער שפּאַן אַן אויסגעאיבטער,
ווערט ניט לענגער אויף קיין האָר,
קעמלען טראָגן אים אַריבער
דרייסיק גאַנצע שפּאַן אַ יאָר,
דורות זענען שוין פֿאַריבער,
טויזנט שפּאַן אויף יעדן דור.

ניט קיין דראַכן פֿון לעגענדעס
איז דער קאַראַוואַן אין שפּאַן.
אָן אַן אָנהויב, אָן אַן ענדע
ציט דער קעמל־קאַראַוואַן.
אָן אַן אָנהויב? אָן אַן ענדע?
ניין, אַ טעות מן הסתם.

די לבנה־אַרכעאָלאָגיע
האָט געפֿונען ערשט ניט לאַנג
שפּורן פֿון אַ זאָאָלאָגיע
פֿערציק מעטער טיף אין זאַמד,
קאָפּיטעס און קעמל־האָרבן
פֿון אַן אַלט פֿאַרשווונדן לאַנד.

אָט פון דאָרטן אָנגעפאַנגען
האָט דער קעמל־קאַראַוואַן
און געגאַנגען און געגאַנגען
און געביטן זיך אין שפּאַן,
ביז ער איז צום סוף דערגאַנגען,
ביז דערהערט אַן עראָפּלאַן.

ניט אַזאַ וואָס זיין מאַרשרוט איז
פון כאָטין ביז סעקוראָן,
ניט אפילו, וואָס זיין פלי איז
לאָנדאָן, לוד און וואַשינגטאָן,
אָט דער עראָפּלאַן אַ שיף איז,
קאָסמאָס־שיפן פליען אָן.

אויף דער לבנהס ברייטן פעלד

אויף דער לבנהס ברייטן פעלד
שטייען לייט אַוועקגעשעלט
יעדערער פֿאַר זיך אַליין,
שטייען לייט און גראָבן ליים,
גראָבן אויס צוויי אויגנלעכער
פֿון דער נאָז אַ ביסל העכער,
אונטער נאָז ווערט אויסגעהוילט,
אויסגעהוילט אָן ציין אַ מויל.

אַז דו וועסט אַהין צו גרייכן
מיט אַן אָפּשטייג מיט אַ ווייכן,
זאָלסטו פֿון די לעכער ווייכן,
פֿאַזע נאָז זיך דורכשלייכן,
שטילערהייט דאָרט בלייבן שטיין
אויפֿן ליים צי אויף אַ שטיין,
היטן זיך אין אַלע פֿאַלן,
אין איר מויל אַריינצופֿאַלן.

ביי דער שיין פון אונדזער ערד

פּאַר טאָג. ס׳איז איצט אויף דער לבנה אַ מין זונפאַרגאַנג
און סע זיצט אַ פּאָרל דאָרטן אויף אַ באַנק
און קוקן איין זיך אין די שקיעה־פלאַמען,
זיי קענען ביידע ניט פאַרשטיין, פון וואַנען
עס קומען צו דער שקיעה אָט די פלאַמען,
אַז איבער דער לבנה איז קיין וואָלקנס ניט פאַראַנען,
וואָס זאָלן קענען
זיך אָנצינדן און ברענען,
די זון איז פון אַ ווייטן ווינקל אויפגעגאַנגען
און סע האָבן זיך די פלאַמען מיט אַ טונקלקייט פאַרהאַנגען,
זיי לעשן אויס זיך, טונקל ווערט,
דאָס פּאָרל זינגט און רעדט און אין ליבע זיך דערקלערט
ביי דער שיין פון אונדזער זונאויפגייענדיקער ערד.

מיין טרוים

ווער סע שפּינט פון די לבנה־שטראַלן אַ באַלאַדע,
ער געזוכט אויף דער לבנה גאָר אַ נייע עלדאָראַדאָ,
ער אַוועק אַהין צו זוכן גליק,
קומענדיק פון דאָרט צוריק
מיט אַ שטיינדל אין דער קעשענע,
דאָרטן זענען שטיינדלעך מעשענע,
וואָס זיי גייען אָן פאַר גאָלד,
אויב מע טרעפט אָן אויף אַ יאָלד.

ס'האָט קיין יאָלד זיך ניט געמאַכט.
אויפן גאָלד פון דאָרט געבראַכט
איז קיין בעלן ניט צו קריגן,
האָט ער ווי אַ שטיין געשוויגן
און אַליין דער יאָלד געבליבן.

כ'טרוים ביי דער לבנה־שיין
אויך אַזאַ מין יאָלד צו זיין.

שטיי איך און איך שטרעק מיין גוף

שטיי איך און איך שטרעק מיין גוף,
צו דער לבנה קוק איך אַרויף,
קנייטשט די לבנה דעם הויכן שטערן,
קוקנדיק אַרויף צו די שטערן,
פינטלען די שטערן מיט די אויגן,
קוקנדיק צום אומענדלעכן אויבן.

לאָז איך אַ רגע אַראָפּ דעם קאָפּ,
קוקט די לבנה אויף מיר אַראָפּ,
קוקן אויף דער לבנה די שטערן,
קוקן און הערן ניט אויף זיך צו מערן
און אויף די שטערן אין דער זעלבער צייט
קוקט אַראָפּ די אומענדלעכקייט.

לבנה־פּאָטשט

כ׳ליג ביי נאַכט אויף מיין געלעגער,
קוק דורך שוואַרצע שויבן,
זע איך ווי ליכטיקע בריוונטרעגער
פליען פאַר מיינע אויגן.

ליכטיקע בריוונטרעגער פליען
גלייך צו דער לבנה,
האָב איך געזען שוין אַ מאָל זיי פליען ?
כ׳קאָן זיך ניט דערמאָנען.

כ׳ליג ביי נאַכט אויף מיין געלעגער,
קוק און האַלט אין איין קוקן,
זע, ווי עס טראָגן די בריוונטרעגער
בריווטאַשן אויפן רוקן.

טאַשן מיט הערבן פון אַלע לענדער,
וואָס זשע ליגט אין די טאַשן ?
ניט, פאַרשטייט זיך, קיין וועש, קיין העמדער
אויף דער לבנה צו וואַשן.

ניט קיין זיידנס, קיין אַנדערע ווערטן,
ניט קיין אַנדערע זאַכן,
אין די טאַשן ליגן קאָנווערטן
מיט דער לבנה אויף אַלע שפּראַכן.

מיט דער לבנה אין אַלע שריפטן,
זע איך דאָרט למד־ביתן, נונען,
הייען זע איך פליען,
שיינען ווי שטערן, שיינען ווי זונען.

אין די קאָנווערטן ליגן לידער,
לידער פון אַלע צייטן,
לידער געזונגענע אין דער נידער,
פון די הייכן און פון די ווייטן.

טראָגן אַרויף די בריוונטרעגער
לידער חיפּהער און מעקסיקאַנער,
איינער אַ בריוונטרעגער אַ נעגער
טראָגט די לידער די אַפריקאַנער.

נעם איך צונויף אין מיין בלומען־גערטל
לידער אַ בינטל מיט גרויס כוונה,
שיק עס אָפּ אין אַן אַוויאָ־קאָנווערטל
דער לבנה אַ מתנה.

אַלט לבנה־ליד

די לבנה שווימט אַרום
אין לבנה־שיין,
שווימט די וועלט פון אומעטום
אין איר שיין אַריין.

שווימט אַ טייך פון ערגעץ ווו,
גיסט זיך אָן מיט ליכט,
שימערט כוואַליעסווייז די רו
אויפן טייכס געזיכט.

קומט פון ערגעץ אָן אַ וועג,
פון אַ וואַלד אַרויס,
רוט די שיין פון אַלע טעג
אויפן וועג זיך אויס.

רוט די שיין פון אַלע טעג
אויפן ווייסן זאַמד,
מיט לבנה־שיין פאַרדעקט
אין לבנה־לאַנד.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער

נעבע די הערשעלעכע

און ווער איך בין און וואָס און ווי אַזוי —
איך שטעל זיך פאָר: מאַדאַם פאָן אַסטראָפאָליע.
די מאַמע מיינע איז אויך געווען אַ פרוי,
דער טאַטע מיינער איז געווען אַ סטאָליער.

די באָבע מיינע — אויך געווען אַ פרוי,
עס האָט גענומען זי דער זיידע גרשון,
די צווייטע באָבע מיינע אויך אַזוי,
דער צווייטער זיידע האָט נאָכגעטאָן דעם ערשטן
און ביידע זיי האָט נאָכגעטאָן
מיין מאַן, זאָל לעבן, הערשל.

הערט אַ שיינעם וויץ,
מיין מאַן, וואָס מאַכט אייך פריילעך,
ביי אייך איז ער אַ לץ,
ביי מיר איז ער אַ מלך.

אַ לץ איז ער ביים רבין,
מיין מאַן, דער אָרעמאַן,
איר מעג מיר גלויבן, כ'לעבן,
ביי מיר איז ער אַ פּאַן.

און קומט ער אָפּט אַהיים
דערנידעריקט, דערשלאָגן,
ער בלייבט ביים אויוון שטיין
און נעמט זיך ווערטלעך זאָגן.

אַ ווערטעלע אַהער,
און אַהין אַ וויצל,
און ער לאָזט אַ טרער
און די ציינער קריצן.

ער פאַרבייסט אַ ליפּ
און ער זאָגט: אַ סברה,
נעכע, כ׳האָב דיך ליב,
נעכעלע, מיין צרה״.

שפּיל איך באַלד אים אָפּ,
ווי מע שפּילט דעם מלך:
״אַ צרה אויף דיין קאָפּ״
און סע ווערט אים פריילעך.

״ס׳איז דער אויוון קאַלט
און דער טיש איז ליידיק,
דיין קאַפּאָטע — אַלט
וואָס דו טראָגסט זי אייביק״.

״הונגעריק דיין ווייב,
דיינע קינדער באָרוועס
און מיין מאַנדל טרייבט
מיט דער וועלט קאַטאָוועס״.

״גיב די קינדער ברויט,
גיב דיין מויד אַ חתן,
די שונאים גיב דעם טויט
און דעם ווייב פּרנסה״.

ענטפערט ער: „מיין ווייבל,
האָסט צו מיר אַ טענה,
צו וועמען אָבער זאָל איך האָבן
די שווערע טענות מיינע?!"

אויפן אויוון

און הערשל שטעלט זיך אַוועק אין שניי
און הויבט עפּעס אָן צו שרייבן,
זיין פּען — דעם שטעקן — טוט ער אַ דריי
די קראָען אָפּצוטרייבן.

ער שרייבט און לייענט און מעקט און מעסט
און ווייזט אויפן שניי, וואָס שימערט —
אָט דאָ וועט זיין דער זאַל פאַר געסט
און דאָ פאַר די קינדער דאָס צימער.

און דאָ וועט זיין דער איידעם אויף קעסט
און דאָרטן וועט שטיין אַ וויגל.
ער שרייבט און ווירעט און מעקט און מעסט
און סע פליען די פּאָלעס ווי פליגל.

זיין פּען, דעם שטעקן, הויבט ער אויף
די קראָען אָפּצוטרייבן,
ס'לויפט זיך דאָס גאַנצע שטעטל צונויף
און הערשל טוט ווייטער שרייבן.

אָט דאָ וועט שטיין דער ספרים־שראַנק
און דאָרטן די קיך מיטן אויוון
און הערשלען פּאַלט פלוצים איין אַ געדאַנק
און הערשל שפּילט דעם טויבן.

און הערשל לייגט זיך אַוועק אין שניי,
דאָס הייסט — אויפן אויוון דעם הייסן
און ווערט אַנטשלאָפן אין איין שמיי־דריי
און חלומט, וואָס גאָט האָט געהייסן.

הערשל בויט אַ הויז

און הערשל הענגט אַרויס אַ שילד
און אויף דער שילד אַזאַ מין בילד:
אַ הויז מיט טיר און פענצטער און דאַך
אוןביימער צוויי ביים הויז אויף דער וואַך.

און אונטערן הויז מיט אותיות גרויס:
„איך בוי פאַר פופציק רובל אַ הויז"
סע חידושט זיך די גאַנצע שטאָט —
פאַר פופציק רובל אַ הויז מיט אַ סאָד?!

און הערשל שטעלט זיך אַוועק ביי דער שילד
און שפּאַרט מיט דער יאַרמלקע אונטער דאָס בילד.
פון הויז מיט טיר און פענצטער און דאַך
און ביימער צוויי ביי דער זייט אויף דער וואַך.

דער עולם פרעגט: „ווי קאָן עס זיין?
עס גייט אונדז גאָר אין קאָפּ ניט אַריין,
אין גאַנצן פאַר פופציק רובל בלויז
צו בויען אַזאַ גראָמאַדנע הויז.

נאָר הערשל גיט זיי באַלד צו פאַרשטיין,
ער נעמט זיך ניט אונטער צו בויען אַליין,
ער האָט דריי טעכטער ליגט ער מיט זיי
ניין איילן טיף אונטערן שניי.

איז האָט איר, הייסט עס, דעם פונדאַמענט.
מיין ווייב קאָן צונויפפירן פיר ווענט,
זי פירט צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט,
איז בעסער, כ'לעבן, ווי געבויט מיט דער האַנט.

איז וואָס זשע בלייבט ? דאָס שטיקל דאַך.
צי קאָסט עס מער ווי חמישים רך ? *
איך וויל דאָך קיין ריווח ניט ביי אייך,
איך וויל דאָך ביי אייך ניט ווערן רייך.

די טיר און פענצטער צו דער וועלט
באַשטעלט אייך אַליין, ווי אייך געפעלט
און וואָס ס'איז שייך די ביימער די צוויי,
טאָ נעמט צוויי קערנדלעך צום פאַרזיי.

הערשל ווישט זיך דעם שטערן אָפּ,
פאַריכט זיך די יאַרמלקע אויפן קאָפּ
און נעמט אַראָפּ פונעם דאַך די שילד
און ווייזט פון זיין אייגענער חורבה דאָס בילד.

* ראשי תיבות : רובל־כסף.

הערשלען לוינט ניט

און הערשל גייט אַרויס פון דער שטאָט,
סע פירט דער וועג צווישן פעלדער
און אָט איז אַ וועלדל און אָט איז אַ סאָד
און דאָרט אויף די בערג זענען וועלדער.

און הערשל גייט און קוועלט פון גאָטס וועלט
און האָט פונעם גיין הנאה.
און פלוצים אַ פור האָט זיך אָפּגעשטעלט
מיט ביידע פערדלעך די גראָע.

און פון דער פור שרייט דער שמייסער אַראָפּ
„גוט מאָרגן, ר׳ הערש אַסטראָפּאָליער,
די פערדלעך מיינע פליען גאַלאָפּ
און איר גייט אַזוי פּאַוואָליע.

טאָ זעצט זיך אויף צו מיר און פאָרט,
וועט זיין אי גרינגער, אי גיכער״
נאָר הערשל ענטפערט אים אָפּ אויפן אָרט:
איך גיי מיר לאַנגזאַם און זיכער״.

„מיר לוינט ניט צו פאָרן מיט דיר און גאָר״
— פאַרוואָס? איך מאָן ביי אייך גאָרניט״
— „און איך מאָן אויך ניט, זאָגט הערשל, דו פאָר
און איך, מיר לוינט ניט, איך פאָר ניט״

„ווייל רעדער דרייען זיך נאָך אַנאַנד
און קענען קיין וועג ניט שפּאָרן
און סע ווערט דער וועג מיט דער פולער האַנט
אין גאַנצן דורכגעפאָרן״.

״און איך, כאָטש סע מאַכט דאָס גיין מיך מיד,
נאָר גייענדיק היפּער איך איבער,
דער שטח, וואָס צווישן מיינע טריט,
איך שפּאַן אים שטענדיק אַריבער״.

די פערדלעך האָבן אַ ריס געטאָן
דעם וואָגן און אָפּגעפלויגן,
די וועלט האָט זיך אויף אַ גרינעם פאָן
געמאָלט פאַר הערשלס אויגן.

ביי ווע‏מען איז שענער געמאָלט

און הערשל שטייט אין מיטן מאַרק,
וואָס האָט זיך אין שטעטל געשטעלט.
דער מאַרק איז געשוואָלן ווי אַ באַרג
מיט אַל דאָס גוטס פון דער וועלט.

און הערשל טראַכט: וואָס קומט אַרויס
פון דעם, וואָס אַלצדינג איז דאָ,
אַז וויסט איז איצט ביי מיר אין הויז
און ס'איז אויף קיין ברויט ניטאָ.

באַווייזט זיך דער עושר פון שטעטל פאַר אים
און רופט: "קומט, הערשל, מיט מיר"
און הערשל גייט נאָך און ווייסט ניט וווּהין
און קומט צו אַ גלעזערנער טיר.

די גלעזערנע טיר אין עושרס הויז,
ס'האָט הערשל דאָס הויז ניט דערקענט,
ער טראַכט: "וואָס קומט מיר דערפון אַרויס,
אַז סע רינט ביי מיר פון די ווענט".

דער עושר פירט אים אין הויז אַריין,
אין ערשטן צימער צוערשט
און ווייזט מיטן פינגער: "קוקט אייך איין,
ווי שיין ס'איז געמאָלט, ר' הערש".

נאָר הערשל טוט אַ דריי מיט דער נאָז:
"פאַר דעם האָט איר געלט געצאָלט?
ביי מיר, כאָטש מיך האָט גאָרניט געקאָסט,
ביי מיר איז שענער געמאָלט".

״אַזוי גאָר ?״ חידושט זיך דער גביר,
״געפעלט דיר ניט דאָס געמעל ?״
ער פירט אים צו צו אַ צווייטער טיר,
זיי טרעטן אַריבער די שוועל.

די ווענט זענען דאָ געפאַרבט אויף גרין
ווי גראָז אויף אַ לאָנקע ביים טייך
און פונעם גראָז אויף שטענגלעך דין
די בלומען צעשפרייטן זיך רייך.

נאָר הערשל דרייט ווייטער מיט דער נאָז,
די בלומען זיי שמעקן אים נישט,
סע שמעקט אים אויך ניט דאָס גרינע גראָז,
ווי גלייך ס׳איז מיט אומריינס געמישט.

דער עושר פון שטעטל ווערט אויפגערעגט,
באַהערשט זיך און האַלט זיך איין :
״ר׳ הערש, קומט ווייטער״ און ער ברענגט
אין גרויסן זאַל אים אַריין.

די ווענט געפאַרבט מיט זילבער און גאָלד
די סטעליע זעט אויס ווי געוועלבט
״ביי מיר״, זאָגט הערשל, איז שענער געמאָלט,
״ביי אייך איז אפילו קיין העלפט״.

דער גביר שפרינגט אויף פון געוועקסלטן דיל
און ווערט פון צאָרן אַזש רויט.
״ביי מיר איז געמאָלט״, זאָגט הערשל שטיל,
״אַז ס׳איז ניטאָ אויף קיין ברויט״.

דער שראַנק

און הערשל דרייט זיך אַרום אין גאַס,
די גאַס ווערט פוסטער און פוסטער,
אַט לאָזט זיך אַראָפּ אַ וואָלקנפּאַס
צום הויז פון אַברעמל שוסטער.

וואָס נידעריקער דער וואָלקנפּאַס,
וואָס נעענטער, ווערט ער גרעסער,
ער לאָזט זיך אַראָפּ צום באָדנערס פּאַס,
ער זיצט שוין אויף אַלע פעסער.

ער זיצט שוין אויך אויפן סטאָליערס טיש,
וואָס שטייט פאַר דער טיר דעם סטאָליערס
און סע ווערט מיט זיין שאָטן אויסגעמישט
דער שאָטן דעם אָסטראָפּאָליערס.

און ער, דער אָסטראָפּאָליער, שטייט,
באַטראַכט אין דער טונקל דאָס מעבל
און הערט זיך צו צום סטאָליערס רייד,
וואָס שווערט זיך ביי זיין לעבן.

אַז יענער שטול איז אייזנפעסט,
און יענער טיש איז אייזן,
און יענע באַנק איז פאַר זיבן געסט,
וואָס קענען זך פּלוצים באַווייזן.

און יענער שראַנק איז אַן אַנטיק,
פאַרשליסט זיך אַזוי ווי אַ קאַסע,
צונויפגעקלעפּט איז שטיק צו שטיק
אַזוי ווי צונויפגעוואַקסן.

״איז אפשר וואָלט אַ סברה געווען,
אַז הערשל זאָל אים קויפן,
איך גיב אייך צו נאָך צוויעקעס צען
און זיבן זאַפּאַסנע שרויפן.

נאָר הערשל זאָגט: ״איך דריי מיר דעם קאָפּ,
צו וואָס וועל איך אים באַנוצן?״
— ״הענגט אויף אין אים אייער גאַרדעראָב״
— ״דעם שראַנק זאָל איך, הייסט עס, פּוצן?״

״און איך אַליין?״ פרעגט הערשל, ״וואָס?
אַזוי ווי די נאַקעטע ציגן,
אַזוי ווי די קו וואָס פּאַשעט גראָז
און טרייבט מיטן עק די פליגן״.

״אַזוי ווי דער לאָשעק, וואָס לויפט גאַלאָפּ
אַ ווילדער, דעם עק פאַרריסן,
און האַלט אין שטאַל זיין גאַרדעראָב
און וויל פון אים ניט וויסן״.

״צי קאָן איך באַווייזן זיך אָן אַ העמד,
אָן הויזן, אָן אַ רעקל?
צי וועלן מיר קלעקן מיינע הענט
די ביינער צו פאַרדעקן?״

״אַ דאַנק פאַרן שראַנק, אַ שיינעם דאַנק,
איך דאַרף אייער שראַנק ניט האָבן,
פאַרקויפט די גבירים אייער שראַנק,
זיי האָבן אַ סך גאַרדעראָבן״.

דער סטאָליער איז שטיין געבליבן פאַרטראַכט,
פאַר נאַכט. אין דרויסן איז טונקל,
דער וואָלקן האָט אויפן טיש געוואַכט,
אַ שטערנדל האָט געפונקלט.

הכנסת כלה

אין דרויסן איז הייס, די שטיינער גליען,
נאָר הערשל רוט ניט, סע טראָגט אים אַרום,
גלייך עמעצער וואָלט אים פון הינטן בריען
אין פלייצע מיט בייטשן פון דער זון.

נאָר דאָס איז, ווי זאָגט איר, פּוסטע מעשׂות
פון ביכלעך, וואָס מאָלן אויס די נאַטור,
אַ ביכל לייענט מען, ביז מע צערייסט עס
און ס'בלייבט אָפּט דערפון ניט איבער קיין שפור.

נאָר אונדזער הערשל איז ניט קיין מעשׂה
פון ביכלעך, וואָס שרייבערס טראַכטן אויס,
דאָס ליד פונעם ציגעלע דאָס ווייסע
איז אויך פון קיין ביכל ניט אַרויס.

דאָס פאָלק האָט הערשלען אין וועג באַגעגנט
און איז געגאַנגען מיט אים זיין וועג,
עס האָט זיך פון אים ניט אָפּגעזעגנט
אין וועג אין די סאַמע שווערסטע טעג.

אָט לויפט ער אַרום דער העלד דער באַליבטער,
די האָר שוין גראָ, די אויגן נאָך שוואַרץ,
ער גייט אַרום איבער אַלע שטיבער,
קלאַפּט אָן אין יעדער יידיש האַרץ.

ער נעמט צונויף אויף הכנסת כלה
פאַר אָרעמע יתומות פון דער וועלט,
אים לאָקט אין וועג דער בעקער מיט חלה,
נאָר הערשל רירט ניט פון פרעמדן געלט.

אָט קומט ער אַריין צו איינעם אַן עושר —
די גבירים האַלטן איין די האַנט
און הערשל רעדט וועגן רחמים, יושר,
נאָר אָפּט מאָל רעדט ער צו דער וואַנט.

און אויב ער פֿויעלט שוין עפּעס צו קריגן,
איז זאָגט עס אים יענער אויף שפּעטער צו,
ווי ס'איז געשען מיטן עושר דעם היגן,
נאָר הערשל גיט אים ניט קיין רו.

דער עושר האָט גראָד אַן אייגענע טאָכטער
פֿאַרקנסט און חתונה געמאַכט,
ס'האָט הערשל, דער אָרעמאַן דער פֿאַריאָכטער,
אויף יענער חתונה ניט פֿאַרבראַכט.

ער האָט געוואַכט ביי איינעם אַ חולה
און האָט אים מיט ווערטלעך און וויצן געהיילט,
דאָס איז אַ רפֿואה גאָר אַ ווילע,
מע זיצט ביז טאָג און מע דערציילט.

ביי טאָג איז ער ווידער אומגעלאָפֿן
צונויפֿצונעמען דאָס ביסל חוב,
דער עושר איז נאָך דער שמחה געשלאָפֿן
ס'האָט הערשל געוואַרט ביי אים אין הויף.

און איז פֿון דער שטוב ניט אָפּגעטראָטן,
ביז יענער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט
און הערשלען אין שטוב אַריינגעבעטן
און זיך די קעשענעס באַטאַפּט.

און אַנגעהויבן זיך שווערן „כ'לעבן,
ביי מיר איז איצט אַ שווערע צייט,
איך האָב מיין טעכטערל אויסגעגעבן,
מע דאַרף דאָך ברענגען קינדער צו לייט".

„אַ מאָלצייט פאַר שיינע מחותנים,
די גרעסטע גבירים־אדירים דאָס רוב,
ס'איז ניט קיין חתונה פאַר קבצנים,
ווו אַפגעטאַנצט און אַ מזל־טוב".

„נדן און חתונה־הוצאות,
עס האָט מיך געקאָסט אַ טויזנט צוועלף,
איך בין געענגט אַצינד אין מעות
איך וועל אייך געבן בלויז די העלפט".

ס'האָט הערשל באַהאַלטן דאָס געלט אין קאַפּאָטע,
אַ קשיה אויף אַ מעשה ביי אַ גביר,
ער קאָן אויפן פּופּיקער האָבן חרטה,
ס'האָט הערשל געזעגנט זיך אויף דער טיר:

„איך ווינטש אייך בעסערע מעלות טובות
און חתונות פּראַוועט פאַר אייגן געלט
און ניט אויפן חשבון פון כלות־יתומות,
וואָס זענען אַזוי פיל דאָ אויף דער וועלט".

הערשלס שוואָגער

דער שטול מיטן טיש געהערן צום רבין
די טיר צו אים איז דעם גבאיס
און הערשל דער לץ וויל אויכעט לעבן,
און הערשל האָט ניט אויף שבת.

איז נאַרט ער אַוועק פון דער טיר דעם גבאי
מיט עפּעס אַ מעשה, אַ ליגן
און נעמט, פאַרשטייט זיך, ניט עולם הבא
ביים רבין הינטערן שפּיגל.

און נעמט עס צעטיילן צווישן עולם
און זיך לאָזט ער אויך אַ פּאָר גראָשן,
דער עולם דערפרייט זיך, ס'איז גוט און וויל אים,
די שטומע באַקומען לשון.

דערשרעקט זיך דער רבי, דעם גבאי נעמט רופן:
"ווו ביסטו אַהינגעקומען?
פאַרשווונדן די קראַנקע, פאַרקריפּלטע גופים,
מע זעט ניט קיין בלינדן, קיין קרומען".

באַקלאָגט זיך דער גבאי: "ס'איז הערשלס אַ שפּיצל,
ער האָט אייך באַגנבעט, רבי,
עס האָט זיך געגלוסט אייך אַ ווערטל, אַ וויצל,
איז האָט איר איצטער קעבעבע".

דער רבי נעמט שלאָגן דעם טיש מיט צאָרן,
דער טיש זאָל אַ נס באַווייזן,
און באַלד איז דער פריסטאַוו אָנגעפאָרן
מיט הערשלען געקאָוועט אין אייזן.

און דאָ הויבט אָן זיך די קאָמעדיע
מיט הערשל דעם ווערטל־זאָגער,
ער האָט זיי געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע,
געשראָקן זיי מיט זיין שוואָגער.

דעם רבין האָט זיך פאַרוואָלט צו דערוויסן,
„וואָס שרעקט ער? ווער קאָן עס מיך שטראָפן?"
נאָר איצטער האָבן ניט געהאָלפן קיין ניסים,
דער רבי האָט ניט געטראָפן.

„דיין שוואָגער ווער איז, אויב דו ועסט זאָגן,
איז הייס איך דיך באַלד באַפרייען".
עס העלפט ניט מיט גוטן, עס העלפט ניט קיין שלאָגן —
„זייט פריער, רבי, אייער וואָרט מקיים!"

און דאָ האָט דער רבי אַ ווונק געגעבן,
דער פריסטאַוו האָט נאָכגעגעבן,
ער האָט פאַרשטאַנען דעם ווונק פונעם רבין,
אַ פריסטאַוו דאַרף אויך אויף צו לעבן.

און הערשל שטעלט זיך אַוועק אין אַ פּאָזע
פון איינעם, וואָס גייט באַלד אַנטפּלעקן
דעם סוד ווי צו היילן קינדערלאָזע,
פאַרטרייבן די קרענק מיט אַ שטעקן.

„רבותי, הויבט הערשל אָן מיטן נוסח
פון רבין ביים זאָגן תורה,
געקומען די צייט, דעם סוד מיינעם מוז איך
אַנטפּלעקן, איך האָב עס געשווירן".

„מיין שווער האָט פֿאַרמאָגט צווי טעכטער פֿרומע,
איצט טרייב איך ניט קיין קאַטאָוועס,
ווייל איינע פֿון זיי האָב איך גענומען,
די צווייטע — דער מלאך המוות“.

„מיין שוועגערין האָט ניט געהאַט קיין קינדער,
מען קאָן זיי אין קבר ניט האָבן,
איז ער, איר מאַן, ווי אַ וואָלף צו רינדער
געקומען צו מיר צו יאָגן“.

„און ער האָט אַ קינד אַוועקגענומען
ס'איז, נעבעך, געפֿאַלן אַ קרבן,
דאָס קינד האָט דאָס קישן אַרומגענומען
און איז פֿון הונגער געשטאָרבן“.

דערמיט האָט הערשל געענדיקט זיין דרשה,
געקוקט אין די לייטישע אויגן
פֿון פּריסטאַוו, פֿון רבין, פֿון גבאי, נישקשה,
סע וועט זיי ניט שאַטן צו די אויגן.

דער פּריסטאַוו איז באַלד אַוועקגעגאַנגען
און האָט געהאַקט מיט די שפּאָרן,
ער האָט פֿאַרטויבט מיט די שפּאָרן־קלאַנגען
דעם קינדס ניט־געלעבטע יאָרן.

דער רבי צום טיש איז אָפּגעגאַנגען,
געברומט זיך דערביי אַ ניגון,
ער האָט פֿאַרטויבט מיטן ניגונס קלאַנגען
דעם אומגליק פֿון אָרעמע וויגן.

דער גבאי צום פענצטער איז צוגעגאַנגען
און האָט אויפן עולם געשריגן
און קעגן די אַלע משונה־קלאַנגען
איז הערשל געשטאַנען, געשוויגן.

אַ שריפה אין שטעטל

אַ שריפה ביי נאַכט אין קליינעם שטעטל
האָט אַלע געסלעך אויפגעוועקט,
ס'האָט קיינער די שריפה ניט געבעטן,
נאָר זי האָט ביי קיינעם ניט געפרעגט.

זי האָט זיך פלוצים אַריינגעריסן,
די יידן לויפן, מע רעשט, מע לעשט.
אין וועלכן שטעטל האָב איך פאַרגעסן,
אין כעלעם צי אין מאַרקולעשט.

נאָר גראָד האָט הערשל ערב דעם פייער
אין יענעם שטעטל זיך באַזעצט
און האָט דאָרט אַ שטיבל ביליק, צי טייער,
זיך איינגעקויפט פאַר אַלע לעצט.

און דאָ האָט די שריפה אויסגעבראָכן
און הערשלס יידענע ברעכט זיך די הענט:
„דאָס פייער איז שוין אויפן דאַך פונעם שכן
און באַלד וועלן ברענען אונדזערע ווענט".

„און ער, מיין הערש, איז דאָרט ביי דער שריפה,
זיין עמער, ווייזט אויס, האָט דאָרט געפעלט,
אַ וויסטע פגירה און אַ מגיפה
אויף אַלע שריפות פון דער וועלט".

און ווייטער דער זעלבער מענה־לשון
פון איינער אַ יידענע אין אַ נאַכט,
ווען מענער האָבן די שריפה געלאָשן,
וואָס האָט דאָס שטעטל אומגעבראַכט.

„גוואַלד! סע ברענט!‟ האָט זי געיאָמערט —
„אַז וויי איז צו מיר און פינצטער איז מיר!‟
נאָר דאָ האָט זיך הערשל הינטן אַרומער
באַוויזן און אָנגעשריגן אויף איר.

ער האָט אויף איר זיך אָנגעבייזערט:
„צי איז דיר, יידענע, ווייניק שיין?!
עס איז דאָך ליכטיק וויביים קייסער,
אַז ליכטיקער קען שוין גאָרניט זיין!‟

די גאָלדענע קנעפּ

אין דרויסן איז ווינטער, אַ שניי מיט אַ פראָסט,
די דעכער בלישטשען ווי בלעכן,
די זון איז פאַראייזט, די זון איז פאַרגלאָזט
און קאָן דאָס אייז ניט צעברעכן.

און הערשל שפּאַנט אינעם שניי אַרום,
דאָס פּנים פון ווינט איז צעשמיסן,
צעריסן די שטיוול, פאַרדרייט און קרום
און אויך די קאַפּאָטע — צעריסן.

איז פרעגט מען ביי אים, צי איז אים ניט קאַלט,
צי האָט ער אַ וואַרעמס, וואָס טוט ער?
און הערשל ענטפערט אָפּ: ״איך האַלט
מיר גראָד אין נייען אַ פוטער״.

״אַ טכוירענעם טולעפּ, אַן אַנטיק,
מיר פעלן נאָר קנעפּלעך און פּאַרטיק,
די קנעפּלעך צום טולעפּ ווי נאָר איך קריג,
באַקומט זיך אַ טולעפּ גרויסאַרטיק״.

דער עולם הערט אויס און בלייבט געפּלעפט:
״וואָס רעדסטו, הערשל, וואָס זאָגסטו?
און קנעפּלעך־שנעפּלעך אויך אַ געשעפט
און ביז צו די קנעפּ פאַרמאָגסטו?״

— ״מיט טכוירן ביי מיר איז די קאַמער פול
און אונטערשלאַק — האָב איך אַ ווייבל,
מיין ווייב איז אַ שלאַק, איך ווער פון איר דול,
סע וועט נאָך אויף ייתור פאַרבלייבן״.

„איז וואָס זשע פעלט מיר? בלויז די קנעפּ,
די געלע, די גאָלדענע כּלי,
די גאָלדענע קנעפּלעך, וואָס ליגן פֿאַרשלעפּט
ביי ראָטשילדן אין דער פּאַטשיילע".

הימל און ערד

ליכט און פינצטערניש

כ׳האָב אָפּגעטריבן ווייט די נאַכט פון אונדזער ערד
און אויפגעהויבן הויך דאָס ליכט פאַר מיינע אויגן,
נאָר באַלד האָט זיך דאָס סאָפּען פון אַ צוג דערהערט,
וואָס האָט אַ שוואַרצן וואָלקן אויסגעצויגן.

באַרויק זיך, געמיט, פאַרליר זיך ניט אין וויי,
פאַרפלעק דאָס בילד פון הימל ניט מיט טרערן,
עס וועט דער רויך צערינען ווי די פינצטערניש אויף שניי
און סע וועט נאָך ליטערער און העלער ווערן.

פֿאַרבן

די עכטע פֿאַרבן מישן ניט צונויף זיך אין סך־הכלען
און טרעפֿן זיי זיך, שײַנען זיי ווי פֿאַקלען
פֿון טונקלרויטן און פֿון עכטן פֿײַער.
מיט יעדער פֿאַרב ווערט פֿרײלעכער, ווערט טײַער
פֿאַר אונדזער אויג דאָס ליבע ליכט פֿון פֿאַרבן.
ביי העלער פֿאַרב פֿאַרגעסן מיר אין שטאַרבן.
פֿאַראַן אויך פֿאַרבן טונקעלע און קאַלטע
ווי טרויער־קליידער אָפּגענוצטע, אַלטע,
וואָס ווערן פֿון אבלים אין טרויער־יאָר געטראָגן,
נאָר וועגן זיי איך האָב נאָך צײַט עפּעס צו זאָגן.

1938

פאַר טאָג

וואָלקנס אויפגעגאַנגענע פון גאָלדענע טראָמפּייטן —
ערגעץ שאַלן שוין די קינדער פונעם נייעם טאָג
און די קלאַנגען זייערע טוען זיך פאַרשפרייטן
איבער גאָר דער ברייטקייט, וואָס די וועלט פאַרמאָגט.

קלינגען אָפּ אין בלעכן פון די דעכער,
הילכן אָפּ אין ציטער פונעם גלאָז
פון די שויבן פולע ווי די בעכערס
אָנגעגאָסענע איבער זייער מאָס.

קלינגען אָפּ אין כוואַליעס פון די ימען,
הילכן אָפּ אין וועלדער פון די בערג,
די געזאַנגען נעמען זיך צוזאַמען,
בילדנדיק דאָס שענסטע קלאַנגען־ווערק.

קלאַנגען אויפגעגאַנגענע פון גאָלדענע טראָמפּייטן —
ערגעץ מאָלן שוין די קינדער פונעם נייעם טאָג
און די פאַרבן זייערע טוען זיך פאַרשפרייטן
איבער גאָר דער ברייטקייט, וואָס די וועלט פאַרמאָגט.

פאַרבן אָפּ די בלעכן פון די דעכער,
צינדן אָן אַ שריפה אינעם גלאָז
פון די שויבן פולע ווי די בעכערס,
אָנגעגאָסענע איבער זייער מאָס.

שפּיגלען זיך אין כוואַליעס פון די ימען,
פלאַקערן אין וועלדער אויף די בערג
און די בילדער נעמען זיך צוזאַמען,
בילדנדיק דאָס שענסטע פאַרבן־ווערק.

ס׳רעגנט ניט

דער הימל איז פֿאַרוואָלקנט ווי אין רעגנדיקער צייט,
די לופֿט איז אָנגעזאַפּט מיט רעגן־טונקלקייט,
געוויקסן שטרעקן דינע העלדזער נאָך אַ טראָפּן,
נאָר דער רעגן וויל ניט אויף די דעכער קלאַפּן,
אויף די גראָזן פֿאַלן,
אויף די פֿעלדער שאַלן,
אין די וועלדער רוישן,
הענגט אַ גרויסער דרויסן
מיט אַ הימל אַ פֿאַרוואָלקנטן ווי אין רעגנדיקער צייט
און די לופֿט איז אָנגעזאַפּט מיט רעגן־טונקלקייט.

איך קוק אַרויף

איך קוק אַרויף צום אָדלערישן פלאַטער
און הער זיך איין צום שטורמישן געזאַנג,
וואָס גרייכט אַהער פון הימלישן טעאַטער
און קלינגט דאָ אָפּ אין האַרצן פון דער זאַנג.

איך קוק אַראָפּ אויף פעלדער און אויף וועגן
און הער זיך איין צו בוימער אויפן ווינט
און איך באַגער אַ שטאַרקן־שטאַרקן רעגן,
אַ רעגן, וואָס דעם הימל מיט דער ערד פאַרבינדט.

מיר ווייסן ניט פֿאַרוואָס

אין קילן ווינטל ציטערט אויף דאָס גראָז,
די שווערע וואָלקנס הענגען אויף דער נאָז
און ס'רעגנט ניט, מיר ווייסן ניט פֿאַר וואָס.

מיר וואַרטן לאַנג, דער רעגן טוט אַ גאָס,
ער גיסט שוין דרייצן שעה, אַזאַ פֿאַרדראָס,
ער הערט ניט אויף, מיר ווייסן ניט פֿאַר וואָס.

מיר קוקן דורכן נאַסן פֿענצטער־גלאָז,
דאָס גלאָז ווערט העל, עס הויבט זיך אויף דאָס גראָז
און ס'ווערט אונדז גוט, מיר ווייסן ניט פֿאַר וואָס.

דער רעגן און דער בליץ

דער רעגן און דער בליץ פון וואָלקנס שטאַמען,
די וואָלקנס שטאַמען אָפּ פון טיפע ימען,
וואָס זענען גרויס און האַלטן זיך צוזאַמען
ווי סטראָפן אין אַ ליד מיט שיינע גראַמען.

אין דרויסן גייט אַ רעגן

אין דרויסן גייט אַ רעגן,
אין דרויסן אויף דער גאַס
און אַלע דעכער און וועגן,
זיי ווערן פון רעגן נאַס.

איז גוט צו זיין אַ שניידער
און זיצן ביים ניי־מאַשין
און זיצן אין קליינעם חדר,
ניט קוקנדיק אַהין.

אַהין, צו די בעל־עגלהס,
וואָס וייקן אויף דער גאַס,
וואָס וייקן אין די רעגנס
ווי אוגערקעס אין פאַס.

אַ רעגן

מיט דער זון זיך אָפּגעזעגנט
שוין דער צענטער טאָג,
ס׳רעגנט אין דער גאַנצער געגנט,
אָט אַ פּלאָג!

אויסגעווייקט אויף אויסצודרייען,
ס׳רעגנט אָן אַ סוף
נאָך אַ לאַנגן ווינטער שנייען,
אָט אַ שטראָף!

גלייך געווען וואָלט ווען נייטיק
אָט דער רעגנגאָס
אָן אַן אויפהער, אָט אַ ווייטיק,
אַ פאַרדראָס!

אפשר וואָלט גענוג געווען,
שוין די דריטע וואָך.
אפשר וואָלט די זון זיך ווייזן,
אפשר דאָך?

ליגט דער האַרבסט

ליגט דער האַרבסט אויף הוילער ערד,
לאָזט דעם רעגן אויף זיך גיין,
לאָזט זיך טרעטן פון די פערד,
לאָזט זיך טרעטן ביזן ביין.

טראָגט אַ רונד־באַרג אויפן בויך,
טראָגט אַ טרערנטאָל אין האַרץ,
רינט פון באַרג אַראָפּ די יויך
צו דער בלאָטע, וואָס איז שוואַרץ.

זינקט דער האַרבסט אין בלאָטע טיף,
שלעפט ער מיט דעם הימל־גראָ,
ווי אַ זינקענדיקע שיף
זינקט ער, זינקט ער ביזן דנאָ.

האַרבסטיקע לאַנדשאַפט

האַרבסטיקע לאַנדשאַפט מיט הילצערנע צלמים —
ווי אָרעם, ווי אָרעם, ווי אָרעם!

האַרבסטקע הימלען מיט ברעטלעך שטאַט געטער,
וואָס שיטן פון טאָרבעס מיט האַרבסטיקע בלעטער

אויף האַרבסטיקע דעכער געצייכנט ווי אינדזלען
אויף קויטיקער לייוונט מיט בלאָטיקע פּינדזלען.

ווער מאָלט אָט דעם חושך? ווער צייכנט דעם אומעט?
דער האַרבסטיקער רעגן, וואָס נודיעט און נודיעט.

דער ערד־קיילעך האָט זיך געדרייט

דער ערדקיילעך האָט זיך געדרייט, געדרייט
און אין אַ נעפּל זיך אַריינגעדרייט
און דורכגעווייקט געוואָרן, קלעפּיק, נאַס
ווי ליים, וואָס פּאַלט אַריין אין נאַסן פּאַס.
די הייזער שווימען אין דער בלאָטע אום
און ס'איז ניטאָ קיין ברעג אין ערגעץ ניט אַרום
ווי צוצושווימען, זאָל כאָטש זיין אַ פעלדז,
נאָר אַלע פעלדזן זענען שוין צעשמעלצט.
דאָס שפּיגל־וואַסער פונעם שטילן ים,
די האַרטע כוואַליעס פונעם אָקעאַן,
זיי זענען אויך געוואָרן ווייך און לויז
און קענען פונעם נעפּל ניט אַרויס
און פינצטער איז אַרום און ס'איז דער אומגליק גרויס,

דער לעצטער מבול

פֿאַרטראָנקען אַלע שוואַרצע שטיבער,
די שוואַרצע גאַס, די שוואַרצע שטאָט.
איצט הויבט די שוואַרצקייט זיך אַריבער
אַריבערן קאָפּ פֿון שוואַרצן גאָט.

איצט איז די גאַנצע וועלט שוין פֿינצטער,
איצט זענען אַלע וועלטן נאַכט
און אַלע וועלטן ליגן איצטער
ביי גאָט אין קעשענע פֿאַרמאַכט.

דאָ זעט קיין שטערן ניט דעם צווייטן,
ניטאָ קיין אָטעמען אַדאָ
און ס'האָט ניט ווער די לופֿט פֿאַרשפּרייטן,
קיין לעבעדיקער הונט ניטאָ.

האַרבסט־מאָטיוון

ס׳איז צען טויזנט יאָר שפּעטער,
ס׳איז האַרבסט, סע פֿאַלן געלע בלעטער
פֿאַר אַלע אַלטע אַלטע שוואַכע מענטשן וועגן
און ס׳טרעט זיי מיט די פֿיס דער רעגן
און ערגעץ אויפֿן טויזנטסטן גאָרן
דאָס קינד, וואָס זיצט דאָרט, ציילט דער וועלט די יאָרן
און קלינגט צום פֿריינט זיינעם, וואָס אויפֿן מאַרס אַביסל העכער
און ציילט דאָרטן די טויזנטגאָרנדיקע דעכער.

פייגל אויף די הוילע צווייגן

פייגל אויף די הוילע צווייגן
וויגן זיך אין מיינע פענצטער,
אין די ראַמען ווי אין שטייגן,
וועלכע שטייען אין דער פינצטער.

אין דער פינצטער, אין דער קאַמער
שטייען שטייגן גענדז און הינער,
קלאַפּט דער רעגן ווי אַ האַמער
אויפן דאַך פון בלעך פון דינער.

ביי מיין טיר ביי מיין פאַרמאַכטער
וויינט אויף יענער זייט דער דרויסן,
בלייב איך זיצן אַ פאַרטראַכטער
פונעם אומעט פונעם גרויסן.

העכער

שווימען אָפּ די וואָלקנס פונעם קליינעם שטעטל
צו די הויכע הייזער פון דער גרויסער שטאָט,
שלאָגן זיי זיך אָן אין אַ שויב, אַ ברעטל
פון אַ פענצטער־ראַם, וואָס איז אָפן גראָד.

שווימען זיי אַריין אין מיין זייטיק צימער,
בלייבן דאָרטן הענגען איבער טיש און בעט,
זיי פאַרוואָלקענען גאָר דעם לאָמפּן־שימער
פון דער גרויסער שטאָט און פון אַלע שטעט.

בייט איך אויך מיין צימער אויף צוויי שטאָקן העכער,
העכער אַלע דעכער פון דער גרויסער שטאָט
און איך טרינק די זונענשיין פון אַ פולן בעכער,
קלאָרע זונענשיין פון אַ נייער שטאָט.

שנייען

דער ערשטער שניי — אַן אָנזאָג בלויז אויף שניי,
דער צווייטער שניי — אַ וויוגע, אַ ווייסער שניי־געדריי,
דער דריטער שניי איז ווייסער פון די ערשטע צוויי,
דער פערטער שניי ליגט רויק אויסגעשפּרייט
און אָפן פאַרן פינפטן שניי, וואָס שנייט
אַ גאַנצן ווינטער, ביז זיין צייט פאַרגייט.

שניי־נאַכט

איינגעדעקט און איינגעוואַרעמט
ליג איך מיר אין בעט,
דרויסן דרייט אַ ווינט און ליאַרעמט,
שטורעמט איבער שטעט.

ווייסער שטורעם, ווייסער מבול
שניי און שניי און שניי,
ס'טוט אַ ווייסע קאַץ אַ גראַבל,
מיאַוקעט פול מיט וויי.

ס'איז דער ווייסער קאַץ די ווייסקייט
פונעם שניי ניט זיס,
אין דער טיפער ווייכער ווייסקייט
פרירן ווייסע פיס.

כ'טו אַ שפרונג אַראָפ פון בעטל,
לאָז די קאַץ אַריין
און איך הויב זי אָן צו גלעטן,
ביז זי דרעמלט איין.

איינגעדעקט און איינגעוואַרעמט
ליגט די קאַץ אין בעט,
דרויסן דרייט אַ ווינט און ליאַרעמט,
שטורעמט איבער שטעט.

נאָך דריי לידער וועגן שניי

1. אַ וווּנדערלעכער ווייסער שניי

אַ וווּנדערלעכער ווייסער שניי
איז אויסגעפאַלן היינטיקס יאָר
גלייך ס'איז ניט ענלעך שניי אויף שניי,
גלייך שניי מיט שניי איז ניט קיין פּאָר.

איך פיל ווי הינטער מיר מע לאַכט:
„די שנייען זענען אַלע גלייך —
דער שניי, וואָס פאַלט אויף פּלויט און דאַך,
דער שניי, וואָס ליגט אויף פעלד און טייך".

„און ס'איז מיט הונדערט יאָר צוריק
געווען דער זעלבער שניי געווען
און אויך מיט טויזנט יאָר צוריק
און ס'איז קיין נייעס ניט געשען".

נאָר איך — ביי מיר איז אַלץ אַ נייס,
דער ערשטער שניי פון היינטיקס יאָר,
גלייך ס'איז ניט ענלעך ווייס מיט ווייס,
גלייך שניי מיט שניי איז ניט קיין פּאָר.

2. אין דרויסן ליגט אַ ווייסע פרייד

אין דרויסן ליגט אַ ווייסער שניי
און אויפן שניי — אַ ווייסע פרייד
און אין דער פרייד דאָרט גייען צוויי,
וואָס קענען זיך פון קליינערהייט.

אַ ייִנגל מיט אַ מיידל יונג,
זיי לערנען זיך אין זעלבן קלאַס,
זיי לאָזט אַרויס דער זעלבער קלונג,
פֿון קלאַס אַרויס אין זעלבער גאַס.

זיי וווינען אויפֿן זעלבן הויף,
אין זעלבן הויז ביים סאַמע ראָג,
זי גייט בלויז מערער טרעפּ אַרויף,
ווייל זי וווינט העכער מיט אַ שטאָק.

זי גייט אַרויף, ער קוקט איר נאָך,
ביז וואַנען זי פֿאַרמאַכט די טיר,
אַזוי די גאַנצע לערנוואָך
און זונטיק וואַרט ער דאָ אויף איר.

זיי גייעןביידע אין דער פּאָר
מיט ליזשעס אין די בערג אַרויס,
דעם פֿערטן זונטיק הייַנטיקס יאָר,
דער ווייסער ווינטער איז נאָך גרויס.

און ווינטערס וואַרטן נאָך אויף זיי,
אַזוי פֿיל ווייסע ווינטערס נאָך
צו גיין מיט ליזשעס אויפֿן שניי
נאָך יעדער־יעדער אַרבעטס־וואָך.

3. נאָיאַבער־שניי

נאָיאַבער־שניי און שניי יאַנוואַרער
און שנייען שפּעטערע, פֿון מאַרט,
דער שניי דער נעכטן וווּנדערבאַרער
צוזאַמען ליגט, צונויפֿגעשאַרט.

צונויפגעקערט ווי מיסט אין הויפנס,
וואָס וואַרטן אויף דער מיסט־מאַשין,
וואָס פירט אַרויס דאָס מיסט פון הויפן,
פון גאַסן ערגעץ ווו אַהין.

אַרויס דער שטאָט, אַזוי ווי ס'פירט זיך,
וווּ שנייען קערט מען ניט צונויף,
וווּ שנייען שטאַרבן אָפּ נאַטירלעך
און דעמפן אויס און גייען אויף.

און לעבן אויף אין וואָלקנס ווייסע,
וואָס זאַמלען שניי צום נייעם יאָר.
פון שניי־ליד ווערט אַזוי אַ מעשה
פון אַלץ, וואָס מיטן שניי קומט פאָר.

איבערן אַלטן אייז דעם קאַלטן

איבערן אַלטן אייז דעם קאַלטן
האָט אַ יונגע זון
זיך פון אַלע ווינטערוואָלקנס
נאַקעט אויסגעטון.

און מיט אַלע אירע שטראַלן
זיך צעוואַרפן גלייך,
אויף דער הינטערגאַס געפאַלן
ווי אַ שטיין אין טייך.

האָט דער שטיין דאָס אייז צעבראָכן
ווי דאָס גלאָז אין שויב,
האָט דאָס אייז גענומען קאָכן
און אַוועק פון אויג.

דער ווינט האָט דעם פרילינג געבראַכט

דער ווינט האָט דעם פרילינג פון דרום געבראַכט
נאָך נעכטן פאַר נאַכט
און היינט אין דער פרי האָבן קינדער געלאַכט
און היינט ביי נאַכט האָבן קריעס געקראַכט
און האָבן דעם טייך געשוואָלן געמאַכט,
נאָר דאָס איז געשען שוין **היינט** ביי נאַכט.

אין ערשטן פרילינג־טאָג

איך קנעפּל אָפּ די קנעפּ פון ווינטער־ראָק
און גיי אַרויס צום ערשטן פרילינג־טאָג.

איך שפּיליע אויף דעם קאָלנער פונעם העמד
און קוק אַרויף צום הימל אומפאַרשעמט.

אָן בושה קוק איך אויף דער פרילינג־זון,
איך וואָלט זיך ווי אַ קינד אין גאַנצן אויסגעטון,

נאָר ס'בלאָזט דאָס לעצטע ווינטער־ווינטל קיל
און וועקט אין מיר אַ שעמעוודיק געפיל.

שטיי אויף

שטיי אויף, אין דרויסן איז שוין ליכטיק,
די זון איז שוין אין הימל הויך,
ביי זונענשיין די ערד ווערט ריכטיק
געזען און ניט ווי דורך אַ חושך־רויך,

וואָס האָט די ערד אַרומגענומען,
אַ טרויער־שלייער זיידנפּיין
און פונקען זענען אומגעשווומען
און זיך גערופן שטערנשיין.

די הויכע בערג ווי שוואַרצע ריזן
געשראָקן האָבן זיי דעם טאָל
און בליצן האָבן זיך באַוויזן
און אויסגעלאָשן מיט אַ מאָל.

אַ רעגן האָט זיך אויסגעגאָסן
פון וואָלקנס טינט אויף שוואַרצער ערד
און נאָר די זון האָט זי באַוואַשן
און איר די פאַרבן אומגעקערט.

שטיי אויף, אין דרויסן איז שוין ליכטיק,
די זון איז שוין אין הימל ווייט,
די פאַרבן זענען קלאָר און ציכטיק
ווי נאָר אין גאָר דער שענסטער צייט.

דער הימל

מיט אַ ווייסן מילכפּולן וואָלקן
איידער מע האָט אים אויסגעמאָלקן,
האָט זיך דער הימל איבערגעבויגן
איבער אַ באַרג און אים אָנגעזויגן.
האָט זיך דער באַרג אַ זאַטער, אַ פייכטער,
אָנגעהויבן וויגן, פריער לייכטער,
נאָך דעם מיט אַלע בוימער שווערער,
נאָך דעם מערער נאָך און מערער.

מיט אַ טונקעלן אַשפּולן שאָטן,
איידער מע האָט אים אויסגעשאָטן,
האָט דער הימל ערב אָוונט
טיף אַראָפּגעלאָזט זיך, נאָענט
צו די אויסגעבויגענע דעכער,
האָט זיך געדאַכט פון הימל העכער
גרייכן די שפּיצן פון די צווייגן
און די טאָלן וואַקסן, שטייגן.

אונטער אַ וואָלענער דעק אַ ווייכער
איידער דער הימל פאַר טאָג ווערט בלייכער,
ליגט ער דערווייל אין פינצטערע טאָלן,
ליגט ער, דער הימל, געהילט אין וואָלן,
וואַרעמט ער איין די הינער אין שטייגן,
וואַרעמט ער איין די פייגל אויף צווייגן,
וואַרעמט ער איין די שאָף אין שטאַלן,
ביז די זון הויבט אָן צו שטראַלן.

אויף די שוועלן

אויף די שוועלן צווישן זון און שאָטן
שטיי איך פרי צום טאָג אַרויסגעבויגן,
פון די באַרג־שפּיצן פון קיינעם ניט באַטראָטן
קוקט די פרייד אַריין מיר אין די אויגן.

פון די באַרג־קוואַלן אין לויטערע פּאַרטאָגן
קוועלט די פרייד אַריין אין אַלע גלידער,
פריע שטראַלן מיטן שטראָם זיך טראָגן
טיף אין טאָל און שיינען אויף דאָרט ווידער.

איך גיי אַרום

איך גיין אַרום ביי נאַכט אין הויף,
סע רוישט אַרום און אַרום די שטאָט,
איך שאַר דאָס ביסל שטילקייט צונויף,
נאַר איידער סע פּאַרט זי איבער דאָס ראָד
פון וואָגן, וואָס קומט פאַר טאָג נאָכן מיסט
און שטילער, שטילער מאַך איך מיין טראָט,
כאָטש כ'ווייס, אַז ס'איז מיין מי אומזיסט,
עס רוישט אַרום און אַרום די שטאָט.

זומער־אָוונט

זומער־אָוונט. הייסע שווערע לופט.
שווער צו גיין צום ווײַטן טײַך, וואָס רופט
אָפּצוקילן זיך בײַ אים אין שויס.
שווער צוריקצוגיין צו זיך אין הויז,
שווער אויך אונטער אָנגעגליטן דאַך
פון אויטאָבוס אויפן פלאַך פון שליאַך
אין דער ענגשאַפט פון די יונגע לײַט
קיין מאָל ניט קיין מידע (אין אַ יעדער צײַט
פון טאָג און יאָר) צו זיצן דאָ מיט זיי,
ס׳איז בײַ זיי פון דרום־ים ביז צפון־שניי
ניט מער ווי אַ שפרונג אין טײַך אַרײַן,
שפּרינג אַרײַן און באָד זיך אויס דאָרט פײַן,
שפּרינג אַרײַן. ווי האַלט איך שוין דערבײַ,
פיר מינוט נאָך פאָרן ביז דער פרײַ.

אויף די זאַמדן

אויף די זאַמדן פונעם ברעג פון טייך
טו איך אויס די קליידער, ווער איך רייך
און מיט אַלע באָדנדיקע גלייך.

כ'וואַרף זיך אינעם וואַסער גלייך אַריין,
היל זיך מיט די זעלבע כוואַליעס איין
ווי אַ מלכה, וואָס איז פול מיט שיין.

כוואַליעס ווערן גאָלדענער פון זון,
נעמען זיי מיך וואַרעמע אַרום
און איך האָב הנאה פון דער פון.

די נאַכט נעמט אַרום

די נאַכט נעמט אַרום דאָס ליכט פון דער שטאָט
און קען אין דער שטאָט ניט אַריין
און וואָס איז דאָס ליכט און וואָס איז די שטאָט?
די שטאָט איז אַ פעסטונג פון שיין.

די נאַכט טרעט אָפּ פאַר טאָג פון דער שטאָט,
דאָס ליכט איז אַרויס אויפן פעלד,
די שטאָט איז פאַר טאָג אַרויס פון דער שטאָט
און גלייך צו דעם שניט זיך געשטעלט.

פֿאַר טאָג אין שטאָט

אין דער נאַכט ווי שיפֿן שווימען
הייזערשטאָקן שטאָק אויף שטאָק,
פֿון דער נאַכט ווי פֿון אַ ברונעם
הויבט זיך אויף די שטאָט צום טאָג.

שטעקט אַריין אין שיין די דעכער
מיט די קוימענס, מיטן רויך,
הויבט זיך אויף אַלץ העכער־העכער,
ס׳גרייכט די שיין שוין ביזן בויך.

פֿאַר די פֿרישע פֿענצטער טראָגן
זיך שוין בילדער דאָ און דאָרט,
ווי געבראַכטע אויף אַ וואָגן
לאָדט מען אויס זיי אויפֿן אָרט.

שטייט די שטאָט

שטייט די שטאָט אין שאָטן און אין שיין,
קומען ווינטן אין דער שטאָט אַריין,
שלאָגן קאָפּ אין וואַנט און פאַלן איין.

רוישן רעדער, טריט, סיגנאַלן, רייד,
ראַדיאָס שפּילן פרייליך, אַ לוויה גייט
פון אָרקעסטערס טרויער־מאַרש באַגלייט.

אַ מיש־מאַש פון פאַרבן גרין־געל־רויט,
אַ מיש־מאַש פון לעבן און פון טויט
און פון גרויער נויט מיט ווייסן ברויט.

סע רױשט דער מאַרק

סע רױשט דער מאַרק פֿון שטעטל װי אין װינט אַ פֿעלד מיט זאַנגען,
סע שװינדלען אױפֿן מאַרק די פֿאַרבן װי אַ פֿעלד מיט בונטע בלומען,
נאָר װער ס׳האָט ליב געקליבענע קאָנצערט־געזאַנגען
און בילדער אױף די װענט אין ראַמען אױפֿגעהאַנגען,
האָט אַהער אין מאַרק ניט װאָס צו קומען.

פרילינג

דער ווינטער איז אַוועק מיט האַק און פּאַק,
דער פרילינג איז געקומען אָן אַ שטעקן, אָן אַ זאַק,
דאָס גרינע העמד זיינס אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים אין ווינט צעלאָזט
און אויסגעשטרעקט זיך אויפן גרינעם גראָז.
אַ האָז איז אויף זיין לייב אַדורכגעפלויגן לייכט,
זיין לייב, וואָס איז פון ערשטן רעגן פייכט,
האָט אויפגעהויבן בערג, האָט טאָלן אָפּגעדעקט
און מיט זיין דופט די פייגל אין די הימלען אויפגעוועקט.
דער פרילינג האָט זיך אויפגעהויבן אין זיין גאַנצער הויך
און ס'האָט באַוויזן זיך אַ ווייטער בלאָער רויך.
דער פרילינג איז פון אַלע וואָלקנס העכער,
דער פרילינג האָט די וואָלקנס דורכגעלעכערט
און ס'האָט די בלויקייט זיך אַ קלאָרע דורכגעזען,
ווי גלייך ס'איז גאָר קיין ווינטער ניט געווען.

פון פרילינג־רעגן

פון פרילינג־רעגן וואַקסט די ווינטער־תבואה,
פון זומער־רעגן וואַקסט דער פּאַפּושוי,
פון אָסיען־רעגן וואַקסט דער גרויער אומעט,
סע וואַקסט די בענקשאַפט נאָך אַ ביסל בלוי.

פאַרלאָזט ניט דאָס פייער, דעם שייטער,
דערציילט בעסער ווידער דאָס ליד
און זינגט מיר דאָס מעשהלע ווייטער
און ציט עס און ציט עס און ציט.

אַוועק די צייט פון יונגע ליבע־לידער,
דער זיסער זומער איז אַוועק נאָך זיי,
ניט שרעקט זיך פאַרן אָסיען, גוטע ברידער,
דער גרויער אָסיען ווערט פאַרדעקט מיט שניי.

פאַרלאָזט ניט דאָס פייער, דעם שייטער,
דערציילט בעסער ווייטער דאָס ליד
און זינגט מיר דאָס מעשהלע ווייטער,
וואָס זינגט נאָך ביי אונדז אין געמיט.

דער שניי פאַרדעקט די אָפּגעשיטע וועלדער,
דער שניי פאַרשיט די שטויבן אויפן וועג,
דער שניי פאַרגלעט די קנייטשן אויף די פעלדער
און אַלע קברים ווערן צוגעדעקט.

פאַרלאָזט ניט דאָס פייער, דעם שייטער,
דערציילט אַלץ, דערציילט אַלץ דאָס ליד
און זינגט אונדז דאָס מעשהלע ווייטער,
וואָס גליט נאָך און גליט נאָך און גליט.

די זון איז צעפלאָסן

די זון איז צעפלאַסן
אין שפּיגל אין נאַסן
פון ים,
די זון האָט פאַרגאָסן
פון פאָרשטאָט די גאַסן
מיט פלאַם.

עס שפּיגלען די שיפן
זיך אָפּ אין די טיפן
פון ים.
עס ווערן געשליפן
לעגענדעס און מיפן
צום גראַם.

עס טראָגן זיך ווינטן —
די שטראָמען די קילע,
פון ים.
אין גאָרטן צעגרינטן
זיי זעצן זיך שטילע
ביים צאַם.

פֿאַרב, ליכט און קלאַנג

ס׳בייט זיך אָפּט די פֿאַרב פֿון אָפּגעפֿאַרבטן דאַך,
אַנדערש גאָר פֿאַר טאָג און אַנדערש גאָר פֿאַר נאַכט,
אַנדערש איינס און אַנדערש צוויי און אַנדערש דריי
און פֿיר אַזייגער איז ער אָפּגעפֿאַרבט אויפֿסניי.

עס בייט זיך אָפּט דאָס ליכט פֿון אונדער זון,
ס׳איז בלאָ די שיין פֿון גלאָז און פֿון דער פֿון
איז אויך אַ ביסל בלאָ די זון אין בלאָען גלאָז
און דורכן בלאָען גלאָז ווערט בלאָ דאָס גרינע גראָז.

אַ קלאַנג ווערט אָפּט געביטן דורך ליכט און פֿאַרב,
ביי טאָג קלינגט העלער אונדזער שטים ווי אויף אַ באַרג,
פֿאַר נאַכט קלינגט אונדזער קול ווי פֿון אַ טאָל
און שאָטנדיקער אַלץ און טונקעלער וואָס אַ מאָל.

אַ ברייט שטיק פעלד

אַ ברייט שטיק פעלד און אַ פעלדישער הימל אַ ברייטער,
אַ גלייכער וועג און אַ טייך זיך צו באָדן אַ גרייטער,
איך טו זיך אויס און לאָז אויפן ברעג די קליידער
און באָד זיך אויס און ס׳קומט זיך צו באָדן אַ צווייטער.

איך וואַרט אים אָפּ און רו זיך אויס אויף די גראָזן,
פון ברייטן פעלד הויבט אָן אַ ווינט צו בלאָזן,
איך קאָן ניט אַליין אין טייך דאָרט דעם צווייטן לאָזן,
מיר קומען אַהיים און ס׳הערט אויף דער ווינט צו בלאָזן.

קוקט מיין פענצטער

קוקט מיין פענצטער צו די פעלדער, צו דעם דערפל קעגן איבער,
צו דעם דערפל דאָרטן אויבן, העט אויף יענער זייט פון טייך,
וואַקסן צו צום דערפל ביימער, קומען צו צום דערפל שטיבער
און די שויבן פון די פענצטער ווערן אָנגעשטאָפּט און רייך.

קליין די שויבן פון די פענצטער פון מיין קליינים שטילן הייזל
און די וועלט אַקעגן מיר דאָרט איז פון גאָרניט ניט פאַרשטעלט,
קוקט אַ פענצטער צו די ווייטן, קען עס יעדן איינעם ווייזן,
וווּ דער טייך און וווּ דאָס דאָרף איז, וווּ דער וועג און וווּ דאָס פעלד.

ביי די ראַנדן

ביי די ראַנדן פון די פעלדער שפּאַרט זיך אָן דער מידער וועג,
צו די ראַנדן פון די הימלען זענען פעלדער צוגעניייט,
צו די הימלען צוגעבונדן הענגען וואָלקנס פולע זעק,
רינט פון זיי אַראָפּ דער טרויער, שמעקט צו זיי אַרויף די פרייד.

ווי אַ נעפּל ווי אַ זיסער שמעקט דער אָטעם פונעם פעלד,
טיף אין נעפּל רוישט די בלויקייט פון אַ טייך אַזוי זיך, סתּם,
מישט זיך אויס דער פעלדער־אָטעם מיטן אָטעם פון דער וועלט
און די בלויקייט פונעם טייכל מיט דער בלויקייט פונעם ים.

ציען זיך וועגן

ציען זיך וועגן און שלענגלען זיך טייכן
דורכן פרילינג דעם פֿאַרבנרייכן.
דורך דער יונגער בליונג דער גרינער
ציט זיך אַ ווייסער וועג אַ דינער,
ציט זיך אַ בלאָער טייך אַ שמאָלער,
גלייך ס'האָט אים אָנגעמאָלט אַ מאָלער,
טונקען זיך וואָלקנס איין אין די פֿאַרבן,
הויבט אָן די שיין פֿונעם טאָג צו שטאַרבן,
רינט אויס דאָס בלוט פֿונעם טאָג דעם טויטן,
הויבט עס אָן צו פֿלאַמען מיט רויטן.

כ'האָב געשיקט מיין טויב

דו האָסט זיך אָפּגעקערט

דו האָסט זיך אָפּגעקערט פון מיר,
בין איך אַוועקגעגאַן פון דיר,
פאַר וואָס זשע רופט צוריק דיין טיר?
פאַר וואָס זשע רופט צוריק דיין טיר?

אויב ניין איז ניין, זאָל זיין אַן עק
און איך בין פון דיין הויז אַוועק,
פאַר וואָס זשע רופט צוריק דער וועג?
פאַר וואָס זשע רופט צוריק דער וועג?

דער וועג שרייט יאָ, דיין טיר שרייט יאָ,
נאָר דו ביסט אין דער היים ניטאָ
און איך ווער אַלט און איך ווער גראָ,
און איך ווער אַלט און איך ווער גראָ.

כ׳האָב ליב די הענט

כ׳האָב ליב די הענט, וואָס מאַכן מאַנדלען
פון מעל מיט אייער צו דער יויך
און קענען פּראָסטן אויבסט פאַרוואַנדלען
אין וואָס איר ווילט, אין צימעס אויך.

זיי נעמען פיש און פולן אָן זיי
מיט זייַ אַליין טאַקע, מיט פיש,
מע שטעלט אין טעלערס אויבנאָן זיי,
דעם שיינדלינג פונעם שענסטן טיש.

זיי רייבן דורך דעם הערינג פּראָסטן
מיט פּוטער און מיט פעטן קעז,
די ווייסע איקרע נאָך די טאָסטן
אַ פּריצישער דעליקאַטעס.

איך זע, איר לאַכט פון מיר און טראַכט זיך,
דער בחור האָט ניט פיינט דעם קיי,
איז לאַכט זשע, פריינד, ווי לאַנג סע לאַכט זיך
און כאַפּט אַ שטיקל פיש דערביי.

כ׳האָב געשיקט מיין טויב צו פליען ווייט

כ׳האָב געשיקט מיין טויב צו פליען ווייט
מיט מיין ליד צו ליבע אַדרעסאַטן,
האָט די טויב פאַרבלאָנדזשעט אין אַ זייט,
נאָר די שליחות האָט זי ניט פאַראַטן.

אויף אַ בוידעם־שטיבל אין אַ שטאָט,
העכער פון מיין שטעטלדיקן שטיבל,
האָט אַ מיידל אָנגעשריבן גראָד
ס׳ערשטע בריוול צו איר ווייטן ליבן.

און אין בריוו גענוצט זיך מיט מיין ליד,
אויסגעזאָגט אים, וואָס געהאַט צו זאָגן,
האָט מיין ליד זיך אין דער בריוו צעגליט
און מיין טויב האָט זי צו אים געטראָגן.

מיידל־בענקשאַפט

וואָס קומט מיר דען דערפון אַרויס,
דו גלייכסט מיך צו אַ בלום, אַ רויז,
אַז איינזאַם בין איך ווי אַ פישער־הויז

ביים גרויסן ים, אויף הויכן ברעג,
נאָר ניט ביים וועג, נאָר ניט ביים וועג,
מיר ברענגען גאָרניט מיינע טעג.

וואָס קומט מיר דען אַרויס דערפון,
דו גלייכסט מיין שיינקייט צו דער זון,
וואָס דרייט זיך אויפן הימל אום.

איך גיי אַרויס און גיי אַריין
און וויס גאָרניט ווו אויס ווו איין
און וואָס וועט זיין ? און וואָס וועט זיין ?

כ׳וועל אַ ווינטל דיר באַשטעלן

כ׳וועל אַ ווינטל דיר באַשטעלן,
וואָס זאָל דיינע אַקסל גלעטן,
ביי די פינגער מיינע פעלן
די הכנעה פון געבעטן.

כ׳וועל אַ הינטעלע דיר קויפן,
וואָס זאָל לעקן דיינע באַקן,
מיינע ליפּן קענען זויפן,
מיינע ציינער קענען קנאַקן.

כ׳וועל אַ קאָלדרע דיר ברענגען,
וואָס זאָל גרינג אויף דיר זיך לייגן,
אויף אַ בוים וועל איך זיך הענגען
און מיין קאָפּ פאַר דיר ניט נייגן.

וואָס ציט מיך אַזוי ?

וואָס ציט מיך אַזוי צו דער גאַס צו דער אַלטער ?
וואָס ציט מיך אַזוי צו דער דירה דער קאַלטער ?

איך האָב דאָ אַכט ווינטערן אָפּגעפרוירן,
איך האָב דאָ ניין זומערס די שענסטע פאַרלוירן,

איך האָב דאָ געדונגען דאָס ערשטע בעטל,
ווען איך בין געקומען אין שטאָט פונעם שטעטל.

איך האָב פאַרן בעטל געצאָלט דאָ זייער טייער,
אַ ווינקל אָן לופט און אָן ליכט און אָן פייער.

וואָס קאָן איך אַזוי ניט דאָס בעטל פאַרגעסן ?
ווייל איך בין אויף דעם מיט מיין ליבער געזעסן.

דיינע רייד

זענען מיר געזעסן אַרום טיש
און געשוויגן ווי די פיש.
ווען סע קומען געסט צו אונדז,
הערן מיר און רעדן נישט.

האָסט ביים טיש גערעדט,
האָסט גערעדט אין בעט,
האָסט פון שלאָף גערעדט,
אונדזער שווייגן אויסגעניייט
מיט רייד,
ווי מע נייט מיט רויזן אויס
אַ ווייסע קלייד.
גייען מיר פון שטוב אַרויס
און מע גייט,
הערנדיק אַלץ דיינע רייד.

קאָן זיין, אַז דו ביסט דאָ

קאָן זיין, אַז דו ביסט דאָ,
איך וואָלט דיך ווען זען
און אפשר ניין, נישטאָ
און אפשר שוין געווען.

און אפשר ווען גאָר
מיט יאָרן שפּעטער זיין,
צי שפּעטער מיט אַ יאָר
און אפשר גאָר מיט ניין.

צו וואַרטן האָב איך צייט,
ווי כ'האָב געוואַרט ביז היינט,
נאָר ניט קיין אייביקייט,
די צייט פאַרגייט, מיין פריינד.

איך וואַרט אויף דיר אַ לעבנלאַנג

איך וואַרט אויף דיר אַ לעבנלאַנג,
צי וועל איך זיך דערוואַרטן ?
איך שטיי ביי יעדן זונפאַרגאַנג
און טרעט דעם שטיין דעם האַרטן.

איך זוך דיך אום אַ לעבנלאַנג,
צי וועל איך דיך דערגרייכן ?
איך שטיי ביי יעדן זונפאַרגאַנג
און טרעט אין שטויב אין וויכן.

און ווען איך וואַרט, ביסטו נישטאָ,
אין דרום זיך פאַרשלאָסן,
און קומסטו אָן, בין איך נישטאָ,
איך זוך דיך שוין אין צפון.

מיטן כח פונעם וואָרט

איך האַלט מיט אַלע כוחות איין
דאָס ביסל ניט־פאַרגעסענע שיין
פון יענער צײַט און יענעם אָרט
פאַר מיינע אויגן
און אַלץ און אַלץ צוליבן וואָרט,
וואָס איז געזאָגט געוואָרן דאָרט
געמאָסטן און געוווֹיגן.

דאָס וואָרט, וואָס האָט אין ווייטן וועג
מיך אָנגעגורט און אָנגערעגט,
האָב איך אין ווייטן וועג מיט זיך
עס מיטגענומען
און אַז איך האָב פון גיין צו גיך
אין ווייטן וועג פאַרלוירן זיך,
האָב איך אין וואָרט אין יידישן
(עס מעג די וועלט זיך חידושן)
צוריק זיך אָפּגעפונען.

און מיטן כוח פונעם וואָרט,
וואָס איז געזאָגט געוואָרן דאָרט
אויף יענעם אָרט,
ביים שיידע־וועג,
בשעת צוויי פריינט פאַרשטייען זיך,
צעגייען זיך,
האָב איך די בילדער אויפגעוועקט,
וואָס דרייען זיך
באַווייזן זיך,
פאַרשווינדן,

אַ קנויל געפילן האָב איך אויפגעבונדן
און אַלע ליכטער האָבן זיך צעצונדן
און ביי דער שיין פון טויזנט ליכט
האָט זיך באַוויזן איר געזיכט.

די הנאה פון אַ קינד,
וואָס באָדט זיך אין אַ וואַרעמען טייך
און די הנאה פונעם ווינט,
וואָס שפּילט זיך מיטן שטרוי פון דאַך,
איז ניט גלייך
צו דער הנאה פון דער זינד
אויף אַ פעלד פאַרנאַכט,
ווען אַלץ, וואָס דרייט זיך מיט דער ערד,
ווערט
די ערשטע פרוי, וואָס גיט זיך אָפּ,
ווי די מאַמע גיט אַ שטיקל ברויט

דרייט זיך, בילדער, ס'איז נאָך ווייט צום טויט.

און ווייל איז דעם, וואָס מיט אַ פרוי
געשעט אַזוי
און זי פאַרבלייבט
זיין איינציק ווייב,
זיין שענסטע פרייד.

דרייט זיך, בילדער דרייט זיך, דרייט.

די זון פאַרגייט
און שטעלט זיך אָפּ ביי יעדן שפּאַן,
ווי ס'שטעלט זיך ביי אַ סטאַנציע אָפּ אַ באַן
און שטייט,
ביז ס'זעצט זיך אויף אַ יונגערמאַן

דאָס ערשטע מאָל נאָך, פרעמדקייט, שרעק
און ווילדער פונעם רייטער אויפן פערד פון קאַרוסעל
יאָגט דאָס האַרץ פון ווייבל אויף דער שוועל:
דו פאַרסט אַוועק, דו פאַרסט טאַקע אַוועק?

כ'האָב ערגעץ ווייט אין מיטן וועג
די אַלטע בילדער ווידער אויפגעוועקט.
איך האָב צו איר געזונגען לידער
האָבן זיך די וועגן
אונדזערע באַגעגנט
ווידער.

זיי האָבן זיך געקרייצט,
האָט דאָס האַרץ פון צלם זיך צערייצט,
זענען זיי זיך נאָך אַ מאָל צעגאַנגען,
האָט עס אָנגעהויבן קלינגען ווי מיט קלויסטער־קלאַנגען,
איז זי נאָך די קלאַנגען נאָכגעגאַנגען
און געפאַלן
טיפער, טיפער, עד למטה
און זיך אָנגעטרונקען פון די קוואַלן,
וואָס פאַרסמען,
איז איר פרעמד געוואָרן סיי איר מאַמע,
סיי איר טאַטע,
אויך דאָס וואָרט פון יענעם אָרט פאַרגעסן,
נאָר געזעסן
און אין זינד געגעסן
ביי די פרעמדע, ביי די זאַטע.
בין איך איר אַ רעדל וועג נאָך נאָכגעפאָרן
און דער נאָך דעם אויסגעדרייט מיין וואָגן
צוריק־צוריק צום וואָרט פון יענע יאָרן,
כאָטש ניטאָ שוין וועמען עס צו זאָגן.

איך האָב מיין פערדל אויסגעשפּאַנט
און אָנגעזאָטלט
און אויף מיין שטערן מיט דער האַנט
געמאַכט אַ שאָטן,
די זון זאָל מיר דאָס וואָרט אין קאָפּ ניט בראָטן
און מיט דער צווייטער האַנט דאָס פערד געפירט, איך האָב געריטן
און אַלע ליכטער אויף מיין וועג האָבן זיך געביטן.

איך האַלט מיט אַלע כוחות איין
דאָס ביסל ניט־פאַרגעסענע שיין
פון יענער צייט און יענעם אָרט
פאַר מיינע אויגן
און אַלץ אַ דאַנק דעם איינעם וואָרט,
וואָס איז געזאָגט געוואָרן דאָרט
געמאָסטן און געוווֹיגן.

אַן אַלטע פרוי

איך זע אַן אַלטע פרוי פאַר מיינע אויגן
און איינצייטיק דאָס קינד, וואָס איך געדענק,
ווען זי איז אויפן וועג אַרומגעפלויגן
און אָפּגעשטעלט זיך ביי איר פאָטערס שענק.

איר פאָטער האָט אויף די הענט זי אויפגעהויבן,
דאָס מיידעלע, דאָס קינד, וואָס איך געדענק.
איך זע אַן אַלטע פרוי פאַר מיינע אויגן
און קער זיך אום צוריק און בענק און בענק.

איך קער זיך אום צוריק צו אַלטע צייטן
און מיט די אויגן קוק איך אויף דער צייט,
וואָס האָט געמאַכט פון קינדער אַלטע לייטן,
פון קינד, וואָס אומגעלאָפן איז פאַרשייט.

איך זע אַן אַלטע פרוי פאַר מיינע אויגן
און בויג זיך איין אין דרייען און ווער אַלט.
און שטיי פאַר איר אין דרייען איינגעבויגן,
ניט ווילנדיק אַליין, נאָר מיט געוואַלט.

אַ דאַנק

אַ דאַנק, אַ דאַנק!
פֿאַר קומען אויפֿן רוף פֿון מיין געדאַנק,
פֿאַר גייען אָן אַן אָפּשטעל אויפֿן וועג אַהער,
פֿאַר קומען אויפֿן רוף פֿון מיין באַגער,
פֿאַר קומען אויפֿן רוף
פֿון גוף צו גוף,
פֿאַר קומען אין די הענט מיר ווי אַ גאָטס־געשאַנק,
אַ דאַנק, אַ דאַנק!

איך האָב דיך זיבן מאָל געחלומט

איך האָב דיך זיבן מאָל געחלומט
פאַר מיינע ניין־און־פערציק יאָר,
דו ביסט פאַרבליבן מיר אַ חלום
און ניט געוואָרן מיר קיין וואָר.

ביסט זיבן מאָל צו מיר געקומען
און זיך באַוויזן אין מיין שלאָף
און זיבן מאָל האָב איך פאַרנומען,
אַז דו ביסט ניט קיין קערפּער־שטאָף.

איך האָב עס זיבן מאָל פאַרגעסן
און זיבן מאָל צו דיר געגלוסט,
געטאַנצט אויף שמחות און געגעסן
און זאַטערהייט געזוכט דיין ברוסט.

איצט קני איך פאַר דיין וויטן שאָטן,
וואָס האָט זיך דורכגעדאַכט פאַר מיר
און כ׳וועל צעטראָטן פון חרטה,
וואָס כ׳האָב מיט זינד געקלערט צו דיר.

אויף יענעם באַרג דעם זונבאַשיינטן,
וואָס כ׳האָב געחלומט דאָ אין טאָל,
באַווייז צום אַכטן מאָל, צום ניינטן,
באַווייז זיך נאָך צום צענטן מאָל.

תיקון

פון אַלטן אַמאָליקן שטעטל

פון אַלטן אַמאָליקן שטעטל
אויף יאָרן און מײַלן ווײַט
איך לײַען אין זכרון אַ צעטל
פון שכנים פון יענער צײַט.

כ׳דערמאָן זיך אין יעדער נאָמען,
געזעגן זיך אָפּ מיט אים,
באַטראַכט נאָך איין מאָל זײַן פּנים,
און הער נאָך איין מאָל זײַן שטים.

כ׳דערמאָן זיך אין אַלטן שטײַגער
פון שטויביקער קרומער גאַס
און אין אַלטמאָדישן זײַגער —
דעם שאָטן פון באָדנערס פּאַס.

אין ײדישן שטעטלשן קהל,
אין הינטערגעסל בײַם טײַך;
מאָלדאַווישער ארץ־ישראל
מיט אָרעמע ײדן רײַך.

איך וועל ניט דערמאָנען אַצינדער
דעם סוף, וואָס געוואָרן פון דעם,
און צײכענען אַלטע בילדער,
אַזוי ווי זיי זענען געווען.

איך זע זיי די ײדן פון שטעטל,
ווי הײַנט וואָלטן זיי נאָך געלעבט,
דעם סטאָליער אין האַנט מיט אַ ברעטל,
דעם שנײַדער אין שטוב, ווי ער שטעפּט.

ס'איז מערער מיר גאָרניט געבליבן,
מיין שטעטל — אָרעם און קליין
פאַרברענט מיט מיין גאַס, מיט מיין שטיבל,
צי קען מיר דאָס ליד זיין אַ היים?

היים

איך געדענק עס נאָך ר׳ אַלטערס אַלטע הייזל,
איך געדענק אים נאָך ר׳ אַלטערס קאָפּ דעם גרייזן,
קען מען יענעם עס באַשרייבן דען אָן גרייזן?
קען מען בילדער פון זכרון דען באַווייזן?

אויף ר׳ אַלטערס הויז פון דאָרט פון מיין זכרון
שטייט דאָס נייע הויז זיין זונס דאָ ווי אַ גאָרן,
זעען עס דען די, וואָס קומען ערשט צו פאָרן?
פילן עס דען די, וואָס ווערן ערשט געבאָרן?

יאָרן, פילע יאָרן, מוזן גיין פאָריבער,
ביז דאָס פרישע אויג ווערט היימיש מיט די שטיבער,
ביז דאָס יונגע האַרץ נעמט אַלע שטריכן איבער
און איין ווינקל ווערט פון גאָר דער וועלט דיר ליבער.

ווער סע וועט דער ערשטער קומען

ווער סע וועט דער לעצטער קומען,
איידער סע וועט ליכטיק ווערן,
וועט דאָס בעסטע פּלאַץ פאַרנעמען
ביי דער שיין פון שטערן.

ווער סע וועט דער לעצטער קומען,
וועט ניט האָבן וווּ צו טרעטן,
וועט ער מיטן רעוט * שווימען
ביז די ברעגעס פון מיין שטעטל.

טרעפן וועט ער מיינע קליידער,
וועט ער זיך אין זיי באַקליידן
און וועט לויפן גלייך אין חדר
צו דעם חומש, צום גן עדן.

דאָרט ביי אדמען מיט חוהן,
אייביק זומער, אייביק גרין איז,
וועט מען פעסטען אים און פראַווען
אַלע שבת אימענינעס.

"קויפט אייך מערער ניט קיין קינדער"
וועט ער, דער בן־יחיד, שרייען,
"ניט קיין ערד און ניט קיין רינדער,
ניט קיין הבל, ניט קיין קין"

* רעוט — דער נאָמען פון אַ טייך אין בעסאַראַביע.

„איך װעל אײך פֿאַרהיטן בײדע
פֿונעם עפּל, פֿונעם זיסן,
װעלן מיר שלאָפֿן אין גן־עדן,
חלומען און גאָרניט װיסן".

אינעם שטיבל

אינעם שטיבל, ווו איך פלעג
אלף־בית זיך לערנען,
פלעג דער הימל זיך אין נעכט
דורך דער שויב צעשטערנען.

און די אותיות פלעגן אויך
ווי פון נעסט דאָס קליינוואַרג,
ווי די פייגל פונעם בוך
פון אליעזר שטיינבאַרג

אויפהויבן זיך העט־העט־העט,
פליען צו די שטערן,
זינגען איבער שטעטלעך, שטעט,
אַלע זאָלן הערן.

אינעם שטיבל, ווו איך קום
איצטער אויפן זומער,
זענען טיר און פענצטער שטום
און די ווענט פאַראומערט.

ניט מיין קינדהייט בלאָנדזשעט אום
צווישן ווענט אין שטיבל,
כ׳הער, אַן אַלטער פויער פרום
שלעפט אַראָפּ די שטיוול.

און ער טריקנט זיך דעם שווייס
ביי די זונענשטראַלן,
רייניקט אָן דעם אלף־בית
נאָך דעם אויס די שטאַלן.

אינעם שטיבל, ווו איך שלאָף
מיט די פענצטער אָפן,
חלום איך ניט און איך האָף
בעסער נאָך צו שלאָפן.

דער שאַסיי

סטעזשקעס ווערן אויסגעטרעטן,
וועגן ווערן אויסגעפאָרן,
פאַר אַ יאָרן איז צום שטעטל
אַ שאָסיי געבויט געוואָרן.

דער שאָסיי פון שטעטל ברייטער,
דאַרף מען דאָך די גאַס צערוקן,
האָט מען צוגעשטעלט אַ לייטער
פון אַ דאַך אַראָפּצוקוקן.

פונעם דאַך דעם סאַמע העכסטן
און דעם איינציקן פון שינדל
האָט מען זיך געוומען מעסטן,
מיטן אויג געפּאַקט דעם שווינדל.

דער שאָסיי איז פון דער ווייטן
פון דער גאַס אַפילו שמעלער,
ס'קאָן אויך בלייבן ווי ביי לייטן
פאַר אַ יעדער הויז דער קעלער.

בלויז צום שטעטעלע וואָס נענטער
ווערט ער אויף להכעיס ברייטער,
ברייטער אויך פון מאַרק אין צענטער
און מע קריכט אַראָפּ פון לייטער.

און מען הויבט זיך אָן באַראָטן
און אַן אויסוועג צוצוטראַכטן.
אפשר צונעמען דעם שאָטן
פונעם בוים אין די פאַרנאַכטן?

אפשר אָפשניידן דאָס טרעפל,
וואָס ביי יעדער טיר און געסל
און באַהאַלטן עס אין נעפל
פון זכרון און פאַרגעסן ?

צי די קעלערס איבערטראָגן,
אויף די בוידעמס זיי באַהאַלטן,
זאָל דאָס נייס נאָר דורכיאָגן,
וועט מען קומען צוריק צום אַלטן.

צי דעם מעסטער אונטערקויפן,
ער זאָל קורץ מאַכן דעם מעטער,
דער שאָסיי וועט יאָגן, לויפן,
זיך אַרומקוקן ערשט שפּעטער.

דער שאָסיי וועט היימיש ווערן
סוף כל סוף מיט שמאָלן שטעטל,
זאָל מען נאָר אים פוצן, קערן
און ער וועט זיך איבערבעטן.

אויסצופירן די המצאות
וועמען זאָל מען אָנפאַרטרויען ?
אַן עבירה די הוצאות,
ס'שטעטל מוז מען איבערבויען.

אָדער צונעמען אין גאַנצן,
אויב סע שטערט צו די פאַרקערן,
אָדער גאָר עס איבערפלאַנצן
ערגעץ אויף די ווייטע שטערן.

דער בעסטער דאַך

ווי אַזוי דאַרף מען זאָגן סטו צי קאַמיש?
ווי אַזוי איז ריכטיקער, ווייס איך נישט.

אַ דאַך פון קאַמיש צי אַ סטוענער דאַך,
וואָס ווערט פונעם סטו פונעם טייך געמאַכט.

דער סטו ווערט געבראַכט, דער דאַך ווערט געמאַכט,
שטייט אַן אוקריינישער ייִד און ער לאַכט:

— ביי אונדז איז אין גאַנצן ניט אַזוי,
ביי אונדז ווערן דעכער געדעקט מיט שטרוי.

און שטרוי איז שטרוי ביים ייִד און ביים גוי
און בלויז מיט שינדל איז ניט אַזוי.

אַ שינדלענער דאַך קאָסט טייערער אַ סך,
אַ שינדלענער דאַך ווערט פון שינדל געמאַכט.

אַ וויזשניצער ייִד, אַ חסידל שטייט
אור הערט און מישט זיך אַריין אין די רייד:

אַ דאַך, ער זאָל זיין אי שטאַרק אי שיין,
איז מאַכט מען אים פון געברענטן ליים.

אַ פוילישער ייִד זאָגט: פרעגט בעסער מעד,
דער בעסטער דאַך איז אַ דאַך פון בלעך.

מע פֿאַרבט אים אָפּ מיט אַ גרינער פֿאַרב,
פֿאַרבלייבט ער אַ גרינער אפֿילו אין האַרבסט.

די קריג האָט געצויגן זיך אַזוי גרויס,
ביז וואַנען דער דאַך איז פֿון מאָדע אַרויס.

אַ דיל פֿון אונטן, פֿון אויבן אַ דיל,
אַ סוף צו דער קריג און זאָל זיין שטיל.

דורך טשערנאָוויצער גאַסן

דורך טשערנאָוויצער גאַסן פאָרט אַ קאַרעטע פאַרמאַכט,
נאָר קיינער ווייסט ניט, ווער סע זיצט דערינען,
אַ פויער האָט אַ וועגעלע קאַרטאָפל אָנגעבראַכט,
האָט קיינער ניט די קאַרעטע אין זינען.

דורך טשערנאָוויצער גאַסן פאָרט אַ קאַרעטע פאַרמאַכט
און שטעלט זיך אָפּ ביים סאַמע העכסטן מויער,
אַ פויער האָט אַ וועגעלע מיט האָלץ אין שטאָט געבראַכט
און אַלע אויגן קוקן אויפן פויער.

פון קאַרעטע איז אַרויס אַ פרינצעסין צי אַ פרינץ
און אַלטע פריצים שטייען טיף געבויגן,
די פויערים זיי ציילן איבער ס'אָפּגעלייזטע מינץ
און פון די קלייטן רופט מען זיי מיט אויגן.

דורך טשערנאָוויצער גאַסן פאָרט די קאַרעטע צוריק
און קאָטשן פריצישע פאָרן זי באַגלייטן,
די פויערים, זיי וואַרפן צו דער קאַרעטע אַ בליק
און איילן צו די יידן אין די קלייטן.

דורך טשערנאָוויצער גאַסן פאָרן פריצים פון באַגלייט
און פויערים מיט זאַלץ און זייף אין וואָגן,
זיי בלייבן שטיין אין וועג און אָט אַזוי מע שטייט,
ביז וואַנען ס'וועט דער רעש זיך דורכטראָגן.

די טשערנאָוויצער יידנגאַס

די טשערנאָוויצער יידנגאַס —
אַ קורצער און אַ שמאָלער פּאַס.

אַ הויז אויף לינקס, אַ הויז אויף רעכטס
און דאָ אַ זיפּץ און דאָ אַ קרעכץ.

אין קעלערס שפּרינגען מייז און פּרעש
און אויף אַ בוידעם וויגט זיך וועש.

אַ שילדל זשאַווערט אויף אַ דאַך,
אַ קרעמער גענעצט, שפּילט אין שאַך.

און קינדער שפּילן זיך אויף טרעפּ
און וויסן גאָרניט פון קיין סטעפּ.

זיי זעען פּורלעך, פרעמדע לייט
און וויסן גאָרניט פון קיין ווייט.

זיי לויפן באָרוועס אויפן מאַרק
און זינגען "אויפן הויכן באַרג".

נאָר וווּ איז באַרג און וווּ איז טאָל?
די יידנגאַס איז קורץ און שמאָל.

אַ יעדער הויז מיט וואַנט און דאַך
זעט אויס, ווי גלייך מ'האָט זיי געבראַכט

פון אַלטע צייטן, אַלטער וועלט
און מ׳האָט זיי דאָ אַוועקגעשטעלט.

די אַלטע געטאָ אומעטום,
פון אָנהויב אָן, אָן ליכט, אָן זון.

דאָ זעט מען ווענט און שאָטנס בלויז,
דאָ הערט מען אַ געזאַנג פון קלויז.

די יידן נעמען זיך צונויף
אין קלויז און אויף די טרעפּ אין הויף

און פאַרנט אויף אַ באַנק אין גאַס
און ביי די ווענט, וואָס זענען נאַס.

צו פערצן יידן אויף אַ באַנק,
די גאַס איז קורץ, דער גלות לאַנג.

די יידן קלאָגן אויף די בענק,
די גויים טרינקען וויין אין שענק.

און גייען פון דער שענק אַרויס,
די וועלט אַרום דער גאַס איז גרויס.

זיי פאָרן היים צו דאָרף און פעלד,
צו ברייטן פעלד, וואָס שמעקט מיט וועלט

און נעמט אַרום די יידנגאַס
מיט טויזנט צוימען און מיט האַס.

אַ טשערנאָוויצער גאַס

איבערביידע שורות הייזער
ציט זיך אויס אַ הימל־פּאַס,
איבער ביידע שורות הייזער
פון דער אַלטער שמאָלער גאַס.

ז'איז אַ מאָל, צוריק מיט יאָרן,
ניט געווען שמאָל, פּאַרקערט,
ברייט געווען, ווען געפאָרן
איז מען איבער איר מיט פערד.

מיט אַן איינגעשפּאַנטן וואָגן
צי אַ קאָטש אין גראָ, צי גרין
איז ניט ענג געווען זיך טראָגן
דעם אַהער און דעם אַהין.

אָבער זינט דער אַלטער וואָגן
האָט זיך פון די טרייע פערד
אויסגעשפּאַנט, גענומען יאָגן
גאָר אַליין איבער דער ערד.

אין געיעג זיך אויסגעצויגן
אין דער ברייט און אין דער לענג
און מיט אָנגעגלאָזטע שויבן
און מיט אויסגעבעטע בענק,

איז די גאַס אים ענג געוואָרן,
איז די גאַס געוואָרן שמאָל,
איז ניט מעגלעך איצט צו פאָרן
צוויי מאַשינעס מיט אַ מאָל.

איבער ביידע שורות הייזער
ציט זיך אויס אַ הימל־פּאַס,
איבער ביידע שורות הייזער
פון דער אַלטער שמאָלער גאַס.

אַלטע שטאָט

אַ הויפן שטיבער אָנגעוואָרפן איינער אויפן צווייטן,
אַ באַרג פון פענצטער און פון טירן און פון טרעפּ,
אַ פּלאָנטער פון די גאַנעקעס מיט אייזערנע שטאַכייטן
און דעכער אָפּגעפּאַרבטע אויף די שפּיצעכיקע קעפּ.

אַ שמאָל שטיק הייפל ווי אַ דנאָ פון אַן אַלטן ברונעם
אַן אויסגעטרוקנטן פון לאַנג שוין, פון אַ מאָל,
אַ מאָל איז דאָ געווען אַ טאָל און מענטשן פלעגן קומען
זיך זעצן דאָ אין גרינעם גראָז פונעם גרינעם טאָל.

דערנאָך האָט זיך דער טאָל פאַרבויט. צוערשט אַ שענקל,
דערנאָך אַן איינפּאָרהויז און שפּעטער אויך אַ קלייט,
דערנאָך האָט זיך אַ שוסטער אויף אַ שוסטער־בענקל
אַוועקגעזעצט און שטיוול פאַר די וואַנדערער געניייט.

דערנאָך האָט דאָ אַ שניידערל אַ פענצטער זיך געדונגען,
אַ זייגערמאַכער האָט דערנאָך געדונגען זיך אַ שויב,
דערנאָך האָבן זיך שטיינהאַקער אויף דער גאַס צעזונגען,
דער טאָל האָט זיך באַדעקט מיט שטיין און דער שטיין מיט שטויב.

דערנאָך האָט זיך אַ גאַנצע שטאָט גענומען האַסטיק בויען
און קריכן אויף די בערג מיט טרעפּ, מיט שטאָקן, שטאָק אויף שטאָק,
מ'האָט ערטערווייז פאַרשטעלט דעם הימל דאָ דעם בלויען
און ס'איז קיין זון דאָרט ניט צו זען ביז האַלבן טאָג.

אַ הויפן שטיבער אָנגעוואָרפן איינער אויפן צווייטן,
אַ באַרג פון פענצטער און פון טירן און פון טרעפּ,
אַ פּלאָנטער פון די גאַנעקעס מיט אייזערנע שטאַכייטן
און דעכער אָפּגעפּאַרבטע אויף די שפּיצעכיקע קעפּ.

טשערנאָוויץ 1939

בוקאָווינער פּייסאַזש

פֿאַר טאָג. די וועלט אַרום דער שטאָט איז הויך און רייך
און ראָז באַלויכטן שוין פֿון עק ביז עק.
די פֿליטן־טרייבער טראָגן זיך אין מיטן טייך
און גריסן זיך מיט פֿישער פֿונעם ברעג.

דער וואַלדהעקער שוין גייט מיט זעג און האַק,
דער פּויער מיט אַן אַלט געדונגען פֿערד,
אַ טאָרבעלע מיט ברויט און פּוסטן זאַק,
פֿאָרט אויך אַרויס צו דער געדונגענער ערד.

די פּויערטעס שוין טראָגן מילך אין שטאָט
און ייִדן שטעלן אויס די סחורות אויף די מערק,
אַ בלינדער דרייט זיין קאַטערינקע־ראָד
און ווידערקלאַנגען הילכן אין די בערג.

פֿון שלאַכט־הויז פֿירט אַ קצב אָפּ דאָס פֿלייש,
אַקעגן קומט אים אַ לוויה אָן,
די זון שטייגט הויך, עס ווערט אין דרויסן הייס
און פֿליגן דרייען אויכעט זיך אין קאָן.

געשטאַלטן

דער בלינדער

דאָרט, אויף יענער זייט פון מיר,
וואַרט אויפן קלאַפּ פון מיין שטעקן אַ טיר,
קלאַפּ איך און וויל אַריבערגיין צו דיר.

קען מען דען שטענדיק שטעקן אין זיך
און אָנטאַפּן אַלעמאָל דעם איך,
ווי מע טאַפּט דעם ראָק, די הויזן, די שיך?

קען איך אָבער פון זיך ניט ארויס,
וואָס האָב איך דערפון, וואָס דו ביסט אַ הויז,
וואָס דו ביסט דער דרויסן, וואָס דו ביסט גרויס?

אַז אונטער מיינע בלינדע טריט
דרייט זיך די ערד ווי אַ קיילעך און פליט
און איך ווייס ניט ווהין זי שלעפּט מיך מיט.

די זעערס ווייסן עס אויכעט ניט.

דער טרויעריקער

דער גאַנצער הימל איז איין שטיק וואָלקן,
די גאַנצע ערד איז איין שטיק בלאָטע
און ווער ס'איז היינט געבוירן געוואָרן,
וועט מאָרגן האָבן חרטה.

כאָטש מאָרגן וועט זיך די ערד צעגרינען,
די זון וועט דעם וואָלקן אַדורכשפּיזן,
נאָר אים וועט דער טאָג ניט אַרויס פון זינען,
וואָס האָט זיך דער ערשטער צו אים באַוויזן.

און ער וועט אַ טרויעריקער לעבן
און ער וועט פון גרויסן אומעט שטאַרבן
אין טאָג, ווען שמעטערלינגען שוועבן
און ווען סע רוישן פאַרבן.

דער גולם

אַ ווײַל אים דעם גולם פֿון לײם,
ער האָט זיך זײַן אָרט און זײַן הײם,
ער האָט זיך זײַן שטוב און זײַן שטויב,
זײַן טויער, זײַן טיר און זײַן שויב,
זײַן וואַסער, זײַן ברויט און זײַן זאַלץ,
זײַן חזיר, זײַן שמוץ און זײַן שמאַלץ.
ער דאַרף ניט קײן וואָלקנפֿאַרב ווײַט,
נאָר רעגנס און זון צו דער צײַט,
קײן שטערן בײַ נאַכט אויפֿן דאַך,
נאָר מאָגערע הינט אויף דער וואַך.

אַ זינגערין

צווישן שרייבטיש און דעם ביכער־שראַנק
ציט זיך ווי אַ פאָדעם דער געדאַנק,
וואָס גייט איבער אין געזאַנג,
וואָס אַ זינגערין, שטייענדיק ווי אויף אַ פּיעדעסטאַל,
זינגט דערנאָך אַראָפּ אין סאַמע גרעסטן זאַל,
וואָס איז גרעסער פונעם קייסערס שטאַל
פאַר אַן עולם, וואָס איז זאַט און פעט
און זיין קליידער־וואָל זיך גלעט
און בעתן הערן זינגען, שושקעט זיך און רעדט
וועגן קריג, וועגן געשעפט און וועגן זנות,
וועגן שיין־אַרויסגעשטעלטן לינקן פוס
אַט דער זינגערינס, איר אָטעמדיקע ברוסט.
זינגט די זינגערין וועגן שיין און גליק,
ביז זי וואַרגט זיך מיט אַ פרעכן בליק
און זי ציט דעם לינקן פוס צוריק
און אַנטלויפט אינמיטן זינגען דורך דער הינטער־טיר,
לויפט אַדורך לאַנגע גאַסן פיר,
נאָך דעם געסלעך, ליקלעך אָן אַ שיער,
ביז זי קומט אַרויס צום פעלד צום גרויסן ווי די נאַכט,
וואָס איז ניט באַלויכטן און דער הימל ניט פאַרמאַכט.
זעצט זי אויף דער קאַלטער ערד זיך און זי טראַכט.
ציט זיך ווי אַ פאָדעם דער געדאַנק
פונעם נאַכט־פעלד ביז מיין ביכער־שראַנק
און גייט איבער אויף מיין שרייב־טיש אין געזאַנג.

באַלאַדע

אין טייך אַ געלעכטער, אַ פריילעך געשריי,
מע באָדט זיך, סע פּליוסקען זיך אַלע
און פּלוצים געוואַלדן, געשרייען: אוי־ווײ,
סע טרינקט זיך אַ מיידל, אַ כלה.

איז באַלד אינעם וואַסער אַ בחור אַריין,
דאָס מיידל אַרויסגעצויגן
און ס'האָט זיך דאָס מיידל נאָך מערער צעשיינט
מיט אירע צוויי ליכטיקע אויגן.

דער בחור געבראַכט האָט זי ביז צו איר היים
און קעגן איר ווילן פאַרבליבן,
כאָטש זי מיט געוויין האָט געבעטן זיך: "ניין"!
"איך האָב שוין אַ חתן אַ ליבן".

דאָס מיידל געלאָזט האָט דעם בחור ביי זיך
ביי נאַכט אין אַ שלאָף טיף־פאַרזונקען
און איז געלאָפן צום טייך אויף גיך
און האָט זיך באמת דערטרונקען.

די רײַכע

די רײַכע לאָזן מיך ניט געניסן
פֿון זיסן באַוווּסטזײַן, אַז געלט איז סם,
אַז חוץ דעם חלום אין חוץ דעם וויסן
גייט אַלץ צוריק אַרײַן אין ים.

די רײַכע בויען לויט גרויסע פּלענער,
אויף מײַנע פּלייצעס שרײַבן זיי בריוו,
זיי דרייען די קראַפֿט פֿון שטאַרקע מענער
און טרײַבן מיט איר אַ באַן, אַ שיף.

זיי הייבן אויף מיט איר באַלאָנען
און בויען טרעפּ אין שאַכטעס אַראָפּ,
זיי שטעלן אָן אויף די וואָלקנס קאַנאָנען
און דינגען אָפּ דעם קלוגסטן קאָפּ.

די רײַכע לאָזן מיך ניט געניסן
פֿון זיסן באַוווּסטזײַן, אַז געלט איז סם,
אַז חוץ דעם חלום און חוץ דעם וויסן
גייסט אַלץ זיך צוריק אַרײַן אין ים.

דער דייטשער ייִד

די ווייטקייט הינטער זיינע פּלייצעס,
זי בריט אים ווי אַ ווילדע רוט,
זי טרייבט און ציט צוריק די לייצעס
פון איינגעשפּאַנטן אין אַ מאַנטל, הוט.

ער האָט די לאַסט פון זיינע אַקסל
געוואָרפן אויפן וועג אַהין,
אַ נייער האָרב איז אָנגעוואַקסן,
איז טראָגט ער זיך אַרום מיט אים.

מע קאָן ניט די ירושה־ספרים
פאַרוואַרפן, ווי מע וואַרפט אַ הויז,
די שריפה שטייט אין מיטן שטורעם
און לאָזט דאָס מעבל ניט אַרויס.

אין הויז זיין מוטער איז פאַרבליבן
און באָבעס אויף אַ הייליק פעלד,
די טאַטע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן,
איז לאַנג אַריבער צו דער וועלט.

ער איז פאַרסמט פון גיפט־געוויקסן,
פון דייטשלאַנדס גהינומדיקער ערד,
זיין פרוי — אַ בלאָנדע דייטשע שיקסע,
פאַר אים — אַ פרוכט, וואָס איז פאַרווערט.

די שטאָטישע

די שטאָטישע מאַכן זיך כלומרשט נאַיוו
און רעדן מיט רייד פון סטאַנדאַרטנע בריוו
און קוקן בגנבה אַראָפּ אין דער טיף
צו אַרטור רעמבאָס שיכורער שיף.

די שטאָטישע מאַכן זיך כלומרשט ניט־קלוג
און טרינקען אַן וואַקל פון דאָרפישן קרוג
און פאָרן ווי פרעמדע אין אייגענעם צוג
און שטייען ביי אייגנס פאַרחידושט, פאַרקוקט.

די שטאָטישע שטעלן זיך כלומרשטביים עק,
בייט זייט, אין אַ ווינקל, ביי אַ ברעג,
ניט־ווייט פון אַ הויז, ניט־ווייט פונעם וועג
און היטן די מיט, זי זאָל ניט אַוועק.

דער גליקלעכער

כ׳וואַרט ניט קיין בריוו פון קיינעם,
אַלע קרובים און אַלע שכנים
ווינען אינײנעם.

כ׳וואַרט ניט קיין געסט, קיין בשורות,
כ׳שרייב און פֿאַרמעק די שורות,
אותיות מיט קרומע צורות.

כ׳וועב און צערייס דאָס געוועבטע,
כ׳לעב און פֿאַרגעס דאָס געלעבטע,
כ׳שלאָף מיט אויגן פֿאַרקלעפּטע.

שפּיטאָל־סאָנעט

נאַכט צי טאָג? שפּיטאָל־קאַשמאַר.
איין חולה לאָזט דעם אַנדערן ניט שלאָפֿן,
די אויגן קוקן ווי די ווּנדן אָפֿן,
וואָס גלאָצן זיי אַזוי פֿאַרגליווערט, שטאַר?

עס הענגט די סטעליע קלאָר און ווייס און ריין,
עס קלאַמערן זיך אין דער ווייסקייט אַלע
און איינער וויל די ווייסקייט פֿאַר אַ כּלה,
אַבי ניט טיפֿער פֿונעם בעט צו גיין.

אַבי ניט טיפֿער פֿונעם בעט אַראָפּ,
ווּ אויגן ווערן מיט דער ערד פֿאַרשטאָפּט,
מיט שווערער ערד מיט פֿינצטערער, מיט נאַסער.

אַ צווייטער שרייט: אַביסל וואַסער, וואַסער!
דער דריטער בעט: אַ ביסל זונענשיין
און לאָזט אַ שטיקל הימל כאָטש אַריין!

כ׳פֿאַרמאַך די אויגן

כ׳פֿאַרמאַך די אויגן און מיטן געדאַנק
נעם איך אַרום די גאַנצע ערד,
ווי מע נעמט אַרום דעם האַלדז פֿון אַ פֿערד,
וואָס מע האָט עס ליב פֿאַר זיין שיינעם גאַנג,

וואָס מע האָט עס ליב פֿאַר זיין קלוגן קוק,
פֿאַר דער קלוגער מינע, פֿאַרן שיינעם קאָפּ,
וואָס ער הויבט אים אויף און לאָזט אים אַראָפּ
און שאָקלט דיר צו אַזוי ווויל און קלוג.

אַליין האָב איך אַ מאָל, שוין לאַנג
אויף אַ שיינעם געראָטן פֿערד
דורכגעריטן אַ גרויס שטיק ערד,
אַ גרויס שטיק וועג און מיטן געזאַנג

אַוועקגעריטן צו יענער צייט,
ווען דאָס פֿערד איז נאָך געווען די קרוין,
איז געווען דער כבוד, געווען דער לוין,
געווען דער אָנשפּאַר פֿאַר העלדישע לייט.

געווען די איינציקע פֿערדנקראַפֿט.
איינגעשפּאַנט צו קלוגע פֿערד
האָט זיך גענומען דרייען די ערד,
געוואָרן איר שטענדיקע אייגנשאַפֿט.

כ׳פֿאַרמאַך די אויגן און מיטן געדאַנק
נעם איך אַרום די גאַנצע ערד,
ווי מע נעמט אַרום דעם האַלדז פֿון אַ פֿערד,
וואָס מע האָט עס ליב פֿאַר זיין שיינעם גאַנג.

אַ רייטער

פון אַן אַלטער אָפּגעלעבטער וועלט,
פון געשיכטע־בלעטער, פון אַ בוך אַרויס,
האָט אַ רייטער אין זיין גאַנצער גרויס
אָנגעריטן און זיך פאָרגעשטעלט:

„איך בין דער און דער, פון אַ מאָל, פון ווייט,
אַ געשיקטער רייטער אויף אַ פערד
אָנקוקן דאָס נייס, וואָס אויף דער ערד
און פאַרגלייכן עס מיט אונדזער צייט.

זען די נייע פּיילן, וואָס איר שיסט,
זען די נייע זיילן, וואָס איר בויט
זען די קערנער, וואָס איר עסט, דאָס ברויט
און די ווייַנען, וועלכע איר געניסט.

אָנגעטראָפן האָט ער אויף אַ קינד,
וואָס איז היים געגאַנגען פון דער שול
מיט אַ רענצעלע מיט לערן־ביכער פול
און מיט הענטלעך אויסגעשמירט אין טינט.

האָט געטאָן דאָס קינד פון הוילער שרעק
מיט זיין קליינעם מויל אַ קרום, אַ דריי,
האָט דעם רייטערס פערד פונעם געשריי
זיך געטון אַ ריס און איז אַוועק.

האָט דער רייטער זיך פון יאָגנדיקן פערד
אויף די פעלדער אין דער ווייט פאַרקוקט,
האָט דער האָריזאָנט זיך אָפּגערוקט
און אַנטפלעקט אַלץ נייע־נייע ערד.

דערפלעך זענען ווי פּאַר טאָג די זון
אויפגעגאַנגען פאַרן רייטערס אויג
און אַ יעדער שטראַלנדיקער סטויג
האָט באַצירט דעם פאַרביקן אַרום.

ס'האָט דער שענסטער רעגנבויגן זיך
אויפגעהאָנגען אויפן הימלס האַלדז,
האָט ער זיך אין הימלס אויג צעגלאַנצט
און צעטאַנצט זיך מיט רויט־בלאָע שיך.

אויפגעגאַנגען איז דער וויייטסטער ראַנד
מיט אַ קוימען ווי אַ צעדער־שטאַם,
פונעם שפּיץ איז אויפגעגאַן אַ פלאַם
און באַהעלט די ווייטקייטן פון לאַנד.

אויפגעגאַנגען איז אַ הויכע שטאָט,
אַ וואָקזאַל, אַ יאָגנדיקער צוג
מיט אַ קינד ביים פענצטער דאָרט, וואָס קוקט
אויפן ראַנד, וואָס דרייט זיך ווי אַ ראָד.

אָט איז אַ שאָסיי פון זון באַהעלט,
בליצן אייזערנע קייקלען זיך אָן פערד
מיט די גראָבע רעדער אויף דער ערד
דער אויסגעוויסטער צווישן פעלד און פעלד.

אָט אַ ריזנפויגל הויך אין רוים
רוישט ווי גלייך די וואָלקנס וואָלטן סתם
זיך צעשטורעמט ווי די כוואַליעס אויפן ים
און פאַרפלייצט די וועלט מיט זייער שוים.

רייט דער רייטער אויס די גאַנצע וועלט,
וואַנדער איבער וואַנדער דאָ און דאָרט
און ער קערט זיך אום צום זעלבן אָרט,
וווּ ער האָט זיך אָקאָרשט פֿאַרגעשטעלט.

שטייט דאָס קינד נאָך אַלץ פֿון וועג ניט ווייט,
רייבט זיך אויס די אויגן ווי פֿון שלאָף,
זעט עס פֿונעם באַרג אַ סטאַדע שאָף
לאָזט אַראָפּ זיך און דער פּאַסטעך רייט.

ענלעך צו דעם רייטער מיט דער שווערד,
מיטן קיווער, מיטן פּאַנצער אויסגעמאָלט
אינעם ביכל פֿאַר געשיכטע פֿון אַ מאָל
איז דער פּאַסטעך אויפֿן הויכן פֿערד.

האַרבסט־מאָטיוו

אויף דער האַרטער האַרבסטיקער ערד
פאַלן די ניס ווי שטיינער,
פאַכט דער ווינט ווי מיט אַ שווערד
איבער די בוימערס ביינער.

איבער דער לאַנגער קרומער גאַס,
לעצטע קרומע שטראַלן,
באַלד וועט ווערן דער הימל נאַס
און די נעץ וועט פאַלן.

וועט זי איינווייקן די ערד,
סטויגן, פעלדער און וועגן.
ציטערט אין שטאַל דאָס לעצטע פערד
פאַר זיין לעצטן רעגן.

אויסגעלערנט פאָרן

אויסגעלערנט פאָרן האָט דאָס פערד דעם וואָגן,
איצטער פאָרט דער וואָגן שוין אָן פערד,
איצטער האָט דער וואָגן אָנגעהויבן יאָגן
און די פערד צו טרייבן פון דער ערד.

הספד נאָכן לעצטן פערד

ס׳איז דאָס לעצטע פערד געפאַלן,
מ׳האָט דאָס לעצטע פערד פאַרשלעפּט,
די אַספאַלטן גלאַנצן, שטראַלן
און די געגנט לאַכט און לעבט.

לאָזט מיך אָפּזאָגן אַ הספד,
פּלאַץ גיט אָפּ דעם נעקראָלאָג
פאַרן דינער פון דער מענטשהייט
הויב איך אויף מיין הספד־קלאָג.

און איך זאָג אייך, אָן אַ רייטער
שטעלט אַוועק אַ פערד פון שטיין,
זאָל זיך דאַכטן, ווייטער־ווייטער
יאָגט ער זיך אָן אונדז, אַליין.

זיין זיידע

זיין זיידע איז געווען אַ יעגער אין וואַלד
און ער איז דער גלאַוונער בוכהאַלטער אין באַנק.
זיין זיידע — ווייס און ווילד און אַלט
קומט שטענדיק דעם אייניקל אויפן געדאַנק.

אַ גאַנצן טאָג ביי דעם חשבון־בוך,
דאָס אייניקל קלאַפּט דאָרט די צאָלן צונויף,
ביי נאַכט קומט דער זיידע צוגיין אויף באַזוך
און דרייט זיך אַרום ביי די פענצטער אין הויף.

דאָס אייניקל וווינט אויפן פערטן שטאָק,
ווי קומט דער זיידע אַרויף אַזש אַהין?
דער זיידע קלאַפּט אין די פענצטער און זאָגט:
געדענק און ווייס, אַז דער וואַלד איז גרין.

און דאָס איז אַלץ און אָט צוליב דעם
איז ער זיך, דער זיידע, מטריח געווען
דורך דורות זיבן הונדערט מיט צען
צו קומען אַהער, דאָס איינקל זען.

דער האָן

פּרוּווט זיך
די כּוחות
דער האָן בײַ די רעדער,
דרייט זיך
די מיל ניט,
סע פֿעלט נאָך אַ פֿעדער.

ווייל ער
צוריק זיך
צום פּלויט זײַנעם קערן,
קען ער
ניט רירן
דעם קערפּער דעם שווערן.

די הון

זי ווייסט,
וואָס זי האָט
דעם האָן צו פֿאַרדאַנקען.
זי טראָגט
עס אַרום
אין די שוואַכע געדאַנקען.

זי איז
אָבער בייז,
וואָס ער קאָן ניט באַשיצן
דאָס איי
סיי דאָס עוף,
וואָס זי גייט עס אויסזיצן.

טויבן

דער ער
און די זי
פון די שטילנקע טויבן,
איך האָב שוין געהערט
זייער ליבן
און לויבן.

נאָר ס'טרעפט,
אַז זי זיצט
אָדער כאָוועט די קליינע,
געפינט
ער זיך אָפּ
גאָר אַ יונגע,
אַ שיינע.

די וואָראָנעס

צי ווייסן די וואָראָנעס, וואָס מיר זאָגן וועגן זיי?
רכילות טרייבן מיר, מיר זאָגן שוואַרץ אויף ווייס,
אַ סימן האָט איר, אַז זיי האָבן ליב דעם ווייסן שניי.
רכילות טרייבן מיר, אַז זייער האַרץ איז אייז,
אַ סימן האָט איר, זיי לעבן פּאָרלעכווייז, צו צוויי,
זיי קראַקען אַלע אויס אויף אונדז זיך סטייעסווייז
אויף אַלצדינג־אַלצדינג, וואָס מיר קענען זאָגן וועגן זיי
און לייגן אַלעמאָל אַן איי און נאָך און נאָך אַן איי.

סאָנעט מיט האַנדלונג

ביים אָפיציר אינעם סאַלאָן,
זיין פרוי בלייבט פאַרן שפיגל שטיין,
פאַרקוקט זיך לאַנג אויף זיך אַליין
און פולט דעם שפיגל מיט טרויער אָן.

— וואָס איז מיט דיר, מיין שיינע, זאָג?
— צי זעסטו, טייערער, דעם סאָלדאַט?
ער בענקט אַהיים און טרייבט די צייט,
מיר ווערן עלטער פון טאָג צו טאָג.

דער אָפיציר, ער כאַפּט די שווערד
און לייגט אַ טויטן צו דער ערד
דעם עזות־פּנים, דעם סאָלדאַט.

איצט שלאָפן רויקביידע שוין,
די שיינע פרוי מיט איר פאַרשוין,
ס'איז אָפּגעשטעלט די צייט.

דער גבור

ווייט אין מערב אויף אַ פייער־פערד
נידערט טיף אַראָפּ אַ ריז, אַ גבור,
און ער טראָגט די זון אונטער דער ערד,
ברענגט זי צוריק קיין מזרח־זייט אַריבער.

ר׳הויבט זי אויף דאָרט מיט דער רעכטער האַנט
און ער נעמט זי מיט דער לינקער איבער,
וואַנדערט זי מיט אים פון לאַנד צו לאַנד
איבער אַלע גרענעצן אַריבער.

שטייען די סאָלדאַטן אויף דער וואַך,
היטן אָפּ די פעלדער מיט די שטיבער
און זיי ווערן ערנסט און פאַרטראַכט,
ווען דער גבור לאָזט אַליין זיי איבער.

זאָל זיין געבענטשט

גליק

דאָס גליק וועט קומען צו דיר אין דיין הויז
אין טאָג, ווען דו קוקסט דערויף ניט אַרויס.

דעריבער די טיר דיינע האַלט ניט פאַרמאַכט,
באַגינען, ביי טאָג און שפּעט ביי נאַכט.

אין רויש און אין שטילקייט הער זיך איין,
האַלט גרייט אויף די ליפּן דאָס וואָרט: אַריין!

און קומט עס פאַרשטעלט אין אַ שטויביקן קלייד,
דו נעם עס אויף ווי עס שטייט און גייט.

איז דורשטיק דאָס גליק און הונגעריק,
טרינק אָן און האָדעווע אָן דאָס גליק.

און איז עס מיד און סע ווערט שוין שפּעט,
דו קלאַפּ אויס די קישן און בעט אויס דאָס בעט.

אין רו פון דיין גאַסט, וואָס קומט צו דיר מיד,
דו וועסט דערפילן דעם טעם פון אַ ליד.

און כאַפּסטו זיך אויף און דיין גאַסט איז ניטאָ,
דו בענטש די פאַרגאַנגענע גליקלעכע שעה.

גאַסט־פּריינטלעכקייט

(צוויי לידער)

1. אין וועג

פון טייכל הויבט זיך לאַנגזאַם אויף אַ פּאַרע
און קילט זיך אין די הייכן אָפּ געשווינד,
די הימל־ליידיקייט פּאַרציט זיך מיט אַ כמאַרע,
די וואַלד־געדיכטעניש צעוויגט זיך אויפן ווינט.

און מיר אין וועג איז גוט צו גיין און קוקן
און פילן, אַז אין טאָרבעלע איז דאָ
אַ ברויט, וואָס וואַרעמט מיר דעם רוקן,
אַ נאַכט־העמד אָנצוטאָן עס שפּעטער מיט אַ שעה.

און מיר איז גוט צו וויסן, אַז נאָך איידער
דער רעגן וועט אַ פּלייץ טאָן אויפן שטויב,
וועל איך שוין זיצן אין אַ כאַטע־חדר
און קוקן אויפן רעגן דורך אַ שויב.

און גוט וועט זיין דאָס לעמפּל אויסצולעשן
און אין די זיבן קישן טאָן אַ וואָרף
דאָס זאַטע לייב, דאָס מידע נאָכן עסן,
דערווייל איז נאָך אַ שטיקל וועג צום דאָרף.

פון טייכל הויבט זיך לאַנגזאַם אויף אַ פּאַרע
און קילט זיך אין די הייכן אָפּ געשווינד,
די הימל־ליידיקייט פּאַרציט זיך מיט אַ כמאַרע,
די וואַלד־געדיכטעניש צעוויגט זיך אויפן ווינט.

2. אין דאָרף

פאַר נאַכט בין איך אין דערפל אָנגעקומען
און אָנגעקלאַפּט דאָרט אין דער ערשטער טיר,
אַ טיפקייט האָט געשוויגן אינעם ברונעם,
אַ כלב האָט צעהאַווקעט זיך אויף מיר.

די טיר האָט זיך געעפנט אָן צו פרעגן,
די טיר האָט זיך געעפנט אויף מיין קלאַפּ,
אין דרויסן האָט אַ פלייץ געטאָן אַ רעגן,
אין אויוון האָט אַ זונג געטאָן אַ טאַפּ.

דער פויער האָט צום טיש מיך גלייך פאַרבעטן,
דער באָרשט איז שוין געשטאַנען גלאַנציק־רויט,
זיין פרוי האָט פון אַ גרויסן ברויט געשניטן
און ניט געלאָזט מיך רירן פון מיין ברויט.

מיין טאָרבעלע אין ווינקל האָט געשוויגן,
דאָס העמד האָט ניט גערירט זיך אין דער פרעמד,
אַ נאַקעטער בין איך צעשפרייט געליגן,
דער צודעק האָט געוואַרמעט אָן אַ העמד.

מיר חלומען זיך ברייטע ווייכע וועגן
און פרישע, ערשט פון רעגן זאַמדיק־ריין,
דערוויילע גייט אין דרויסן נאָך דער רעגן
און ס'איז נאָך נאַכט און פרי נאָך אויפצושטיין.

די טרעגער

די טרעגער שלאָפֿן אויף די פּולע זעק אין וואָגן
נאָך אַ גאַנצן טאָג זיי טראָגן.
די רייטער שלאָפֿן אויף די פֿערד אין מיטן יאָגן.
די פֿייגל שלאָפֿן אין דער לופֿט אין מיטן פֿליען.
די בוימער שלאָפֿן שטייענדיק און בליען
און אַלע גראָזן שלאָפֿן אויף די קניען
און אויף די גראָזן האָזן מיט די אויערן אָפֿן
הערן, ווי איך שרייב דריי־שורהדיקע סטראָפֿן.
ניטאָ אויף אונדזער ערד קיין רויק שלאָפֿן.
חוץ די טרעגער אויף די פּולע זעק אין וואָגן
נאָך אַ גאַנצן טאָג זיי טראָגן
שלאָפֿט ניט קיינער אָן קיין איבערשלאָגן.

און קומען וועט אַ מאַן

און קומען וועט אַ מאַן פון סאַמע אונטן
און זיין וועט ער דער יורש פון קייסאָרים,
ער וועט מיט קראַפט צעטרייסלען אַלע גרונטן
און ווי דאָס פאָלק זיינס וועט ער לעבן אָרעם,

אין פּראָסטע קליידער מיט אַ פּראָסטן נאָמען
אַרומגיין וועט ער איבער פּראָסטע שטיבער
און ווייזן יעדן ס׳לעבעדיקע פּנים
און ניט קיין בילד, ווי מאָלערס טרייבן איבער.

מיט פּראָסטע ווערטער אויף אַ פּראָסטן לשון
און מיט אַ לידל אויף אַ פּראָסטן פידל
צערירן וועט ער אונדזערע נשמות,
ווי פּראָסטע ערד צעריִרט מען מיט אַ רידל.

ביי יעדן קראַנקן וועט ער זיצן נאָענט,
אַיעדן אָבל וועט ער קענען טרייסטן,
ווי האָניק זיס וועט קלינגען זיין גוט־נאָוונט
און שמעקן פאַרן פאָלק דעם אויסגעלייזטן.

אין טאָל איז דער טייך

אין טאָל איז דער טייך און דער וועג און דאָס פעלד,
אין טאָל איז דאָס גראָז אויף די לאָנקעס,
איך שטיי אויפן באַרג ווי אויף שפּיץ פון דער וועלט
און צייל מיינע גרויסע מאַיאָנטקעס.

פאַר טאָג, ווען דער פריץ אין פּאַלאַץ נאָך שלאָפט,
בין איך אויף דער וועלט שוין אַ וואַכער,
איך פיר מיינע טשערעדעס, צייל מיינע שאָף
און גיי אין מיין פעלד נאָכן אַקער.

פאַר נאַכט, ווען דער פריץ פאַרקויפט אין דער פרעמד
דאָס פעלד מיט די זאַנגען און וועגן,
איך לאָז ניט אַרויס עס, דאָס פעלד, פון די הענט,
דאָס פעלד, וואָס פאַרבלייבט מיין פאַרמעגן.

און מעגן זיי רייטן די פריצים גאַלאָפּ,
און מעגן זיי רייטן די ריטער,
עס נעמט די געשיכטע פון וועג זיי אַראָפּ
און מיך שטעלט זי היטן די גיטער.

ער

אין קליינע שטיבעלעך אָן טישן,
מיט דילן ערדענע פול מיסט,
האָט ער אַריינגעבראַכט די קישן
און צוגעדעקט אַ קראַנקנס פיס.

האָט אויסגעווייסט די ווענט מיט קאַלעך,
האָט אָנגעצונדן העלע ליכט,
זיך אָפּגעטראָגן ווי אַ מלאך
און ניט באַוויזן דאָס געזיכט.

געלאָזט נאָך זיך אַ טיש מיט ברויטן,
אַ ווייס פאַרשפרייט און ליכטיק בעט,
אַן אויסגעהיילטן האַלב שוין טויטן,
וואָס לאַנגע יאָר נאָך לעבן וועט.

מע רעדט פון אים ווי פון אַ שטערן,
מע זוכט אים אין די הימלען אום
און ער — אין גרויסע שטיוול שווערע —
שפּאַצירט זיך אויף דער ערד אַרום.

צו אַ קראַנקן־שוועסטער

גייט פון שטוב צו שטוב אַרום די ליבע
און זי זוכט דיך אום אין אַלע שטיבער.

זי געפינט דיך צווישן מענער קראַנקע
שטיין אַליין אַן איינציקע, אַ שלאַנקע.

גנבעט זיך אריין אין דיינע בלוטן
מיטן כח פון אַן אויסגערוטן.

פירט אַרום דיין האַנט איבער די בעטן,
פילן אַלע קראַנקע דיינע גלעטן.

און עס ווערט דעם שווערסטן חולה גרינגער
פון די ליבע היילנדיקע פינגער.

היטער

צווישן גרינע גאַרטן־בוימער
שפּאַנט אַרום דער גרויער שומר,
אין דער האַנט — אַ גרויסער שטעקן
זיך צו מונטערן און וועקן,
ער זאָל ניט אַנטשלאָפן ווערן,
ווען סע וויגן אים די שטערן.

צווישן הויכע בלאָקן־הייזער
שטייט אַ יונגער וועגנווייזער
אויף אַ ברייטן פּלאַץ אין מיטן,
שטייט, די וועגן אָפּצוהיטן
און זיין האַנט, וואָס אויסגעצויגן,
לאָזט ניט בלאָנדזשען זיינע אויגן.

צווישן שאַפע, בעט און שפּיגל
וואַכט אַ פרוי איבער אַ וויגל
וואַכט און שווייגט, די אויגן אָפן,
שווייגט, דאָס קינד זאָל קענען שלאָפן —
"שלאָפט ניט!" בעט אין שטוב זי יעדן,
"וועט איר פונעם שלאָף ניט רעדן".

ליגט אַ שיכור

ליגט אַ שכור אינעם שניי.
— שכור, זאָג, וואָס טוט דיך וויי?
— אויב דו ווילסט מיך פאָלגן, אויב,
בעט איך דיך, זיך מאַכן טויב
צו מיין שכורן געשריי.

גיי איך באַלד פון אים אַוועק,
לאָז איך שפּורן אויפן וועג,
אויפן וועג מיט שניי פאַרשיט
און איך הער דעם שכור ניט,
נאָר אין שטוב שוין, ווען איך ליג
אויף מיין בעט, ווי אין אַ וויג,
הער איך מיין געוויסן רעדט,
רעדט אַרויס פון וואַרעמען בעט:

האָסט געלאָזט אַ מענטש אין פראָסט,
האָסט אין שניי אַ מענטש געלאָזט,
האָסט אַ תירוץ, ער אַליין
האָט געבעטן דו זאָלסט גיין
און דו מיינסט, אַז דאָס איז שיין,
און דו מיינסט, אַז דו ביסט ריין,
ניין!

אַ ייִד

דער שטול — בײַם טיש און דער טיש — בײַ דער וואַנט,
דער טינטער איז פול און די פען — בײַ דער האַנט,
די שײַן קומט פון לינקס און דער טאָג היינט איז העל,
מיר פעלט בלויז דער נעכטיקער ייִד אויף דער שוועל.

דער ייִד, וואָס איך האָב אים צו קומען פאַרווערט
בײַ טאָג, ווײַל ער האָט מיר מײַן אַרבעט געשטערט,
איצט קומט ער בכלל ניט, דער ייִד איז ניטאָ —
וואָס קומט מיר אַרויס, וואָס די טינט איז מיר בלאָ.

וואָס קומט מיר אַרויס פונעם טיש בײַ דער וואַנט,
פון דעם, וואָס עס ליגט דאָס פּאַפּיר בײַ דער האַנט,
פון דעם, וואָס דער טאָג איז היינט זוניק און העל?
עס פעלט מיר דער נעכטיקער ייִד אויף דער שוועל.

ערגעץ ווו לעבט

ערגעץ ווו לעבט מיין בעסטער פריינט,
נאָר איך קען דעם וועג צו אים ניט טרעפן.
אַלע וועגן זענען גלייך באַשיינט,
אַלע טירן שטייען גלייך צעעפנט.

בלאָנדזשע איך אַרום אַהין, אַהער
פול מיט שרעק, איך זאָל קיין טעות ניט מאַכן,
ס'איז מיין בעסטער פריינד, איך ווייס ניט ווער,
אפשר דער, וואָס וועט זיין טיר פאַרמאַכן.

אפשר דער, וואָס לעבט אין גרויסער שרעק,
אַז אַ צווייטער זאָל צו אים ניט קלאַפן,
ווייל אַ צווייטער האָט פאַרכאַפּט דעם וועג
און ער וויל מיין פריינד פאַר זיך פאַרכאַפן.

ליבער פריינד, צעעפן ברייט די טיר,
גיי אַרויס דעם גאַסט דיינעם אַקעגן,
גיי אַקעגן עמעצן, צי מיר,
ווער סע זאָל ניט קומען, גיי אַרויס, באַגעגן.

איך וועל אויכעט פון דער שרעק באַפרייט
קלאַפן צו אַ יעדן, יעדן, יעדן.
אויף אַ פרעמדער שוועל און פאַר פרעמדע לייט
וועל איך זיך אַוועקשטעלן און רעדן, רעדן.

גליקן

איך טראָג זיך אַרום מיט געהיימע גליקן,
וואָס שפּילן טיף אין מיין בלוט,
די גליקן די פרייע פון פרעמדע בליקן,
זיי שרייען: ס'איז גוט! ס'איז גוט!

זיי שפּילן אין מיר ווי פינגער אויף פידלען,
וואָס קיינער הערט ניט חוץ איך,
און מעגן מיך בייזע צינגער זידלען,
די פידלען פאַרוויגן מיך.

ניט איבעריק גאַנץ און ניט איבעריק ציכטיק
די גראָע קליידונג אויף מיר,
נאָר טיף אין מיר איז עס בלאָ און ליכטיק
און ס'שפּילט אָן דעם מינדסטן באַריר.

און טיף אין מיר שפּיגלט די וועלט זיך
אין עפּעס אַ לויטערן קוואַל,
מיט גאָר אַן אַנדער ליכט זי באַהעלט זיך,
מיט עפּעס אַ וווּנדערשטראַל.

כ'האָב היינט געהאַט אַ גאַסט

כ'האָב היינט געהאַט אַ גאַסט, אַ פרעמדע פרוי,
זי האָט צו מיר פאַרבלאָנדזשעט על פּי טעות,
וואָס איך האָב אויפגעקלערט און אָט אַזוי
געוואָרן מיט איר פריינד ניט אויף קאַטאָוועס.

איך האָב געזאָגט: מיסתּם דאָס צווייטע הויז,
נאָר די קוואַרטיר איז מיטן זעלבן נומער,
די הייזער זענען פון דער זעלבער גרויס
און אויפגעבויטע אינעם זעלבן זומער.

נאָר רוט אייך פריער אויס, האָב איך געזאָגט,
איר זייט אַוודאַי, זאָג איך, מיד געוואָרן
פון גיין אַרויף די טרעפּ צום פערטן שטאָק.
כ'האָב ניט דערמאָנט קיין עלטער און קיין יאָרן.

די פרוי האָט מיך באַדאַנקט און באַלד באַזעצט
אַ שפּיץ פון בענקל, וואָס איז פריי געשטאַנען,
די אויגן האָבן עטוואָס זיך גענעצט —
ניט גוט מיט איר, האָב איך דערפון פאַרשטאַנען.

זי האָט געזאָגט: „איך קען אייך ניט, מיין פריינד,
און כ'וועל מיט אייך דאָס שווערע האַרץ ניט טיילן,
נאָר ס'איז ביי מיר אַ טאָג אַ גוטער היינט
און איך וועל נאָך אַ מאָל פון אים דערציילן

און נאָך אַ מאָל: אַ דאַנק, איך מוז שוין גיין"
האָט זי געזאָגט, און זיך מיט מיר געזעגנט
און איך האָב ניט געוואַגט איר נאָכצוגיין,
נאָר אָוונטס האָב איך ווידער זי באַגעגנט

און איר געזאָגט: ״איך האָף, איר וועט פֿאַרשטיין
(דערביי געצאַפּלט, זיך פֿאַרהיקעט שיער)
אַז וויפל מאָל איר וועט אַהינצו גיין,
איך וויל, איר זאָלט צו מיר פֿאַרבלאָנדזשען פריער״.

און זי האָט זיך געזעגנט נאָך אַ מאָל,
איך ווייס ניט, ווו זי איז געגאַן פון דאַנען,
נאָר זיס האָט נאָכגעקלונגען מיר איר קול,
וואָס האָט געזאָגט מיר: ״יאָ, כ׳האָב אייך פֿאַרשטאַנען״.

צוגאַסט

איך קוק צו אים אַריין דורך אַ שפּאַרונע
און לאָז אים בלייבן לאַנג מיט זיך אַליין,
איך זע אים אומגיין אויף אַ דינער סטרונע,
(ס'איז לייכטער ווי אויף הוילער ערד צו גיין).

איך הער זיך איין צו אים פון דער זייט שויבן
און לאָז אים בלייבן לאַנג מיטן געזאַנג,
וואָס פלאַטערט אום ווי ס'פלאַטערן די טויבן
פאַר נאַכט אין פעלד אַרום אַ לעצטער זאַנג.

איך קלאַפּ אים אָן, נאָר שטיל, ער זאָל ניט הערן,
מיר איז אַ שאָד אים אויפוועקן פון טרוים,
עס קאָן דערפון אַ גאַנצער הימל שטערן
אַראָפּפאַלן, חלילה, אויף אַ בוים.

אַראָפּפאַלן, חלילה, אויף אַ צווייגל,
אַראָפּפאַלן, חלילה, אויף אַ נעסט
און ער דערפון דערנאָך וועט ליידן, ליידן,
איז בעסער היינט צו לאָזן אים אַליין.

שלאָף

זאָג אַ גוטע נאַכט און לייג זיך שלאָפֿן,
לעש דאָס לעמפּל אויס און דעק זיך איין,
לאָז די אויגן אין דער פֿינצטער אָפֿן,
ביז זיי צינדן אָן אַן אייגענע שיין.

דעמאָלט מאַך זיי צו. די שיין וועט שיינען,
טיף אין דיר וועט ליכטיק זיין אַזוי
און ווי ליכטלעך וועלן דיינע פּיינען
זיך צעברענען און פֿאַרברענט ווערן ווי שטרוי.

ביי דער שיין פֿון שריפֿה וועט דער חלום
ציען זיינע סטענגעס אָן אַ סוף
און אַ רעגנבויגן איבער בערג און טאָלן
וועט דאָרט הענגען אויפֿן הימל פֿון דיין שלאָף.

ווען דער טאָג וועט קומען

און קומען וועט אַ ניט פֿאַרגייענדיקער טאָג,
און קומען וועט אַ שבת פֿון גן עדן,
די צייט וועט בלייבן שטיין, דער זייגער־שלאָג,
אין סאַמע מיטן פֿון די העכסטע פֿריידן.

דאָס גרינס וועט אייביק גרינען פֿאַרן אויג,
דער טעם פֿון מן וועט בלייבן אויפֿן גומען,
די יונגע פּאָר, וואָס נעכטיקט אויפֿן סטויג,
וועט דאָרט שוין אייביקן, ווען דער טאָג וועט קומען.

ווי אַזוי סע ווערט שטיל

סע דרייט זיך דער קאָפּ מיר אַזוי ווי אַ ראָד,
וואָס טראַסקעט איבער די שטיינער פון שטאָט.
אַפילו אין שלאָף, אין דער שטילקייט פון נאַכט,
מיר חלומט זיך אָפּט אַ רוישיקע זאַך,
אַ גראַגער, אַ פייקל, אַ וואָס נאָר איר ווילט
און רוישיקע גאַסן און אָט איז דאָס בילד
פון רוישיקן מאַרק אין אַ זונטיק ביי טאָג
און אָט איז אַ פרוי, זי שפּאַנט און זי טראָגט
אַ הויכן, אַ פולן קויש אויפן קאָפּ,
זי קוקט ניט ארויף און קוקט ניט אַראָפּ
און סע שטעלן זיך אַלע גערוישן אָפּ.
דער מאַרק פאַרשווינדט, די גאַסן, די שטאָט,
די פרוי שטייט אין מיט פון אַן עפּל־סאָד,
די עפּל פאַלן פון דיביימער אַראָפּ
אין קויש אַריין, צו איר אויפן קאָפּ
און ווען דער קויש ווערט שוין פול מיט זיי,
פאַרדעקט אים אַ וואָלקנדל ווייס ווי שניי,
די פרוי לאָזט זיך גיין אויף דער ווייכער ערד
און שטילער און שטילער און שטילער ווערט.

אַ ליבע

און אַט איז די ליבע פון איינעם אַ פּאָרל,
זיי האָבן זיך ביידע באַגעגענט אין פעלד,
ווען ער איז אין וועג אויף אַ וואָגן געפאָרן,
האָט זי זיך אין וועג אים אַקעגנגעשטעלט.

ער האָט זיך אין מיטן פון האַסטיקן יאָגן
אַ צי אויס געטאָן און די פערדלעך געצוימט
און זיצן געבליבן אין שטרוי אויפן וואָגן
אַזוי ווי אויף גראָזן אין גאָרטן פאַרטרוימט.

זי האָט זיך דערנענטערט, געטראָגן אַן עמער,
זי איז אים מיט פולן אַקעגנגעגאַן.
עס האָט הינטער איר זיך די לאַנדשאַפט פאַרקלענערט
און זי איז געוואַקסן מיט יעדער איר שפּאַן.

זי האָט אים פון עמער פון פולן געפּויעט
און ער האָט געטרונקען דאָס וואַסער ווי ווײַן
ער האָט איר דעם דורשט פון זײַן האַרצן פאַרטרויעט
און ס'האָט זיך איר פּנים צעגאָסן מיט שײַן.

ווער ווייסט וויפל טעג און חדשים און יאָרן
זיי האָבן זיך איינער דעם צווייטן געפעלט,
זיי האָבן באַקענט זיך, דערקענט זיך, דאָס פּאָרל,
זיי האָבן זיך ביידע באַגעגנט אין פעלד.

וואָלקנס אָנגעצויגענע צום פּלאַצן

וואָלקנס אָנגעצויגענע צום פּלאַצן
הענגען אויף די שפּיציקע פּאַלאַצן
פון מיין חלום, וואָס איך חלום אין אַ כאַטע,
ווו איך שלאָף אונטער אַ קאָלדרע פון וואַטע.

אָט אַ וואָלקן מיטן אויסזען פון אַ גרייזן
גזלן, אין דער האַנט אַ גרויס שטיק אייזן
מיט אַ לאַנגען שפּיזן־שפּיץ אַ רויטן
אָנגעגליט און גרייט צו שטעכן, טויטן.

אָט אַ קינד אַ מלאך קעגן זיבן ריזן,
מיט די פינגער נעמט ער זייערע שפּיזן,
רייסט זיי אויסעט און צעברעכט אויף שטיקלעך
און צעלאַכט זיך און איז איבערגליקלעך.

נעבן אים אַ גרויס שטיק הימל בלויער,
וואַקסט דאָרט אויס אַ וואָלקן מיטן אויסזען פון אַ בויער,
בויט ער אויס אַ וואַנט מיט טויזנט פענצטער,
שיינען טויזנט לאָמפּן, שטיי איך אַ פאַרבלענדזטער.

וואָלקנס אָנגעצויגענע צום פּלאַצן
הענגען אויף די שפּיציקע פּאַלאַצן
פון מיין חלום, וואָס איך חלום אין אַ כאַטע,
ווו איך שלאָף אונטער אַ קאָלדרע פון וואַטע.

נשמה מיינע

נשמה מיינע שטילע,
דו שרעק זיך ניט פאַר דער טינט
און לאָמיר פאַרשרייבן די תפילה,
וואָס טיף אין אונדז ערגעץ רינט.

דאָס טייכל פון אונטער גראָזן
שווימט אויך אַרויס אויפן זאַמד,
איז לאָמיר די תפילה לאָזן
זיך הערן איבערן לאַנד.

און לאָמיר אַלטמאָדיש בעטן
ביי גאָט, דעם אַלטן גאָט,
און זאָל אונדז הערן דאָס שטעטל,
און זאָל אונדז הערן די שטאָט.

מיר וועלן בעטן, זיך טרעפן
מיט גוטע, מיט ערלעכע לייט
און ווער סע וועט לייענען דאָס העפטל
דאָ נאָענט, צי ערגעץ ווייט,

וועט וועלן זיין דער גוטער,
וועט וועלן דער ערלעכער זיין
און ס'וועט די ערד ווי אַ מוטער
אונדז אַנזויגן מיט ווייַן.

די האָפֿענונג

איך ווייס, ס׳איז מיין געליבטע אַ פֿאַרמשפּטע צום טויט
און מאָרגן פֿרי צי היינט פֿאַר נאַכט וועט זי געהאָנגען ווערן,
נאָר ביז דער לעצטער רגע טראָג איך איר אין תּפֿיסה ברויט
און גלויב ניט אינעם אורטייל און וויל פֿון אים ניט הערן.

און ביז דער סאַמע לעצטער רגע האָף איך. אַז אַ נס
וועט זי אַרויספֿירן, באַפֿרייען זי פֿון טיפֿן־טיפֿן קעלער.
איך גלויב אין יושר נאָך, אַלטמאָדיש גלויב איך, פֿעסט
און גלויב ניט, די געשיכטע זאָל באַגיין אַזאַ מין פֿעלער.

אַט פֿירט מען זי. אַ טויטע שטילקייט הערשט אין תּפֿיסה־הויף,
די תּליה שטייט אַ גרייטע שוין, דער שלייף פֿון שטריק איז אָפֿן,
איך נעם די לעצטע ברעקלעך פֿון מיין האָפֿענונג צונויף
און הער ניט אויף אין לעצטער רגע אויף אַ נס צו האָפֿן.

פאַרטרייב ניט

פאַרטרייבט ניט דעם נעפּל פון שטאָט,
מיין גאָט,
סיידן אַ פויגל וויל פליען צו מיר
און זעט ניט אין נעפּל מיין טיר.

פאַרטרייב ניט די וואָלקנס איבער דער שטאָט,
מיין גאָט,
סיידן אַ שטערן וויל באַלויכטן מיין וועלט,
וואָס ווערט פון אַ וואָלקן פאַרשטעלט.

פאַרטרייב ניט דעם ווינט פון דער שטאָט,
מיין גאָט,
סיידן אָן דעם, ביז דו טרייבסט אים ניט אונטער,
קאָן ער ניט יאָגן זיך פריש און מונטער
איבער דער שטאָט,
מיין גאָט.

אָן אַ נאָמען

דער אָוונט שאַרט זיך צו מיין שוועל
ווי כוואַליעס צו די טייכל־ברעגעס
און טונקל ווערט מיר אויף דער זעל
די ערשטע אָוונטיקע רגעס.

דערנאָך, ביים אָנקום פון דער נאַכט,
ווען דער אַרום ווערט דורכויס פינצטער,
ווערט עפּעס ליכטיקס אויפגעוואַכט
אַ פונק, אַ שטערן אין מיין פענצטער.

דער שטערן שיינט און דרינגט אַריין
אין טונקעלן רוים פון מיין נשמה.
איך לאָז זיין טרייסטנדיקע שיין
דערוויל נאָך אָן אַ נאָמען.

אויף מײַנע אָפּגעלעבטע טעג

אויף מײַנע אָפּגעלעבטע טעג,
וואָס ליגן אויף אַ האַלבן וועג,
האָב איך אַ שטיין אַוועקגעלייגט.

אַ גרויען שטיין פֿון גרויען זאַמד,
ווי אַלע שטיינער פֿונעם לאַנד,
וואָס ליגן שטענדיק צו דער האַנט.

דער וועג איז ברייט און ציט זיך ווייט,
נאָר ווי אַ שטעג האָט אים די צייט
אַוועקגערוקט גאָר אין אַ זייט.

דער שטיין וועט ליגן לאַנג, אָ לאַנג,
ביז וואַנען ס'וועט אַ נייער גאַנג
אויף אַלטן וועג ביים זונפֿאַרגאַנג

זיך לאָזן גיין אי יונג אי שיין
און וועט אַוועקנעמען דעם שטיין,
אים אָפּווישן ווי אַ געוויין.

גזלנים און יידן

גזלנים מיט בערד,
מיט שווערדן און פערד
רייטן אַרום אויף די וועגן.
און יידן מיט פעק,
מיט פעסלעך און זעק
פאָרן זיי אָן אַקעגן.

— וואָס פירט איר עס דאָרט,
איר זאָגט אויפן וואָרט,
וועלן מיר אייך לאָזן פאָרן.
— מיר פירן דאָ ליין
און פעסלעך מיט וויין,
זעקלעך מיט ווייץ און מיט קאָרן.

— דעם וויין גיב אַהער,
אַ פעסל ניט מער,
און קענסט דיר ווייטער רייזן,
אַ צווייטער נאָך דיר
וועט קומען מיט ביר,
אַ דריטער וועט קומען מיט שפּייזן.

גזלנים מיט בערד,
מיט שווערדן און פערד
רייטן אַרום אויף די וועגן
און יידן מיט פעק
מיט פעסלעך און זעק
פאָרן זיי אָן אַקעגן.

מעק אויס

מעק אויס דעם אָסיען און דעם ווינטער
און הויב דעם בלאַט פון פרילינג אָן,
די וועלט זי הויבט זיך אָן פון קינדער,
אַ וואַרע מאַך פאַר זייער פאָן.

פאַר זייערע פייקלען און טרומייטן,
פאַר זייער מאַרש צו וואַלד און פעלד,
פאַרגעס דיין גיין אין שווערע קייטן,
מעק אויס דעם ווינטערס שווערע קעלט.

דערקענסט דעם וואַלד? געווען פאַרגוואַלדיקט
און אויסגעברענט אַרום דער וואַלד,
די ערד האָט ווידער זיך צעוואַלדיקט,
דעם וועג האָט אויסגעלייזט אַספאַלט.

מעק אויס די וועלף מיט זייערע ציינער,
די שראַמען אויף דיין לייב פאַרדעק,
דיין אָנצוג איז אַ ווייסער, ריינער
און פאַסט צו דעם אַספאַלט פון וועג.

נו, שנעלער, שנעלער דאָרטן, ווייטער,
געזאַנג און פרייד און קינדער־שפּיל,
ביי טאָגביים טייך, ביי נאַכט ביים שייטער,
דער פלאַם איז הייס, די כוואַליע קיל.

אַריין, אַריין אין קרייז פון קינדער
און לעבן לערן זיך ביי זיי,
מעק אויס דעם אָסיען און דעם ווינטער,
פאַרגעס די בלאָטע און דעם שניי.

אַ פרידלעכע נאַכט

אַ פרידלעכע נאַכט
קומט אין געסל אַריין,
דער מענטש האָט פאַרטראַכט
אַ פענצטער מיט שיין

צום וועג אין דער ווייט
די שיין קוקט אַרויס,
דער וואַנדערער גייט
און קערעוועט אויס.

און קלאַפּט אין דער טיר,
וואָס עפנט זיך אויף:
— „וואָס קוקט איר אויף מיר?
די שוועל קומט אַרויף!"

„טוט אויס זיך דעם ראָק
און וואַשט אָפּ די הענט"
אַזוי ווערט געזאָגט
צום גייער געווענדט.

אַזוי ווערט געלייענט,
אַזוי איז געווען,
כ'בין איין מאָל אַליין
דערביי בייגעווען,
ווייל איך בין אַליין
דער גייער געווען.

דער ווינט

דער ווינט, דער בייזער שוואַרצער ווינט,
וואָס רייסט פון דרויסן שטיקער,
און האַקט אין שויבן ווילד און בלינד
ווי קריגסלייט, ווען זיי זענען שכור,
האָט אויסגעגאָסן שוואַרצע טינט
אויף בילדער אָפענע ווי ביכער
און נאַכט האָט אָנגעיאָגט געשווינד,
ווי כוואַליעס אין אַ גרויסן וויכער.

די נאַכט — אַ ים מיט שוואַרצער לופט —
האָט איבער מיר גענומען שטראָמען,
אַ שטערן, וועלכער גלאַנצט און רופט
האָט אָנגערופן הויך מיין נאָמען,
כ'האָב אויפגעהויבן זיך אַרויף,
צי וועט דער שטערן מיך דערקאָנען?
נאָר ס'איז געפאַלן צוריק מיין גוף
צו ערד, צום דנאָ פון אַלע תהומען.

דער טאָל דער טיפסטער אויף דער וועלט,
די ערד, וווּ ווייץ און קאָרן וואַקסן,
אויף איר האָט מען אַוועקגעשטעלט
דעם מענטש אָן פליגל אויף די אַקסל,
נאָר אויפגעבונדן אים די הענט
און אויפגעעפנט אים די אויגן,
ס'האָט אים פון שיינקייטן פאַרבלענדט,
ס'האָט אים אַרויף עפּעס געצויגן.

און אָט: אַ שווערער וואָלקן אַש,
וואָס שנייט מיט שוואַרצקייט אויף די פעלדער,
האָט זיך צעשטורעמט און צערעשט
און אַלע שיינקייטן געענדערט,
אריינגעלייגט אין שוואַרצן טאַש,
אין טאַש אין ריזיקן די לענדער
און אַלע פאַרבן אויפגענאַשט
און אַלע רייכקייטן פאַרשווענדעט.

און אַז עס האָט זיך איינגעשטילט
דער ווינט פון הוליען און געשלעגן
און ס'האָט דער ווינט זיך אָפּגעקילט
פון הייסע שטויבן אויף די וועגן
און ווען די לאַנדשאַפט האָט דערפילט,
די זון גייט אויף פון אירעטוועגן
האָט זיך אַ קינד אויף איר צעשפּילט,
צעשטראַלט דעם גרויסן טאָג אַקעגן.

דער דרויסן שטייט אין פולער בליונג

דער דרויסן שטייט אין פולער בליונג,
סע שמעקט די גאַס מיט וואַרעמער, מיט מענטשלעכער באַציונג,
סע שמעקט די גאַס מיט אָנגעשטרענגטער מענטשלעכער באַמיונג
און אין די הייזער בליט
דער טיש מיט טעפּלעך צוויט,
דאָס בעט מיט פרישן שיינעם חלום,
דאָס ראַדיאָ־קעסטל ברענגט אַ הויך געזאַנג
און ס'ענטפערט אים דער שטילער ביכער־שראַנק
מיט לידער וועגן שלום.

נעמט אַראָפּ די חשבונות פון טיש

נעמט אַראָפּ די חשבונות פון טיש און שלום זאָל זיין.
נעמט אַראָפּ די חשבונות פון טיש און שטעלט אַרויף וויין!

שטעלט אַרויף פיש און שטעלט אַרויף, וואָס איר פאַרמאָגט,
לאָמיר פאַרברענגעןביים טיש, ביז אין די פענצטער טאָגט.

אויב ס'איז קיין פיש נישטאָ, וועלן מיר זיך באַגיין אָן זיי,
אויב ס'איז קיין וויין נישטאָ, וועלן מיר טרינקען טיי.

אויב ס'איז קיין טיי נישטאָ, טאָ זאָל זיין דאָס וואַסער געבענטשט,
לאָמיר זיצן ביים טיש, ווי ס'זיצט אַ מענטש מיט אַ מענטש.

טרויער

אַרום איז ליכט און פרייד און פאַרבן,
צו וואָס דער טרויער אין דער מיט,
צוואָס דערמאָנען, אַז כ׳וועל שטאַרבן,
צי ווייס איך עס אָן טרויער ניט?

פון טרויער הער איך שטענדיק רעדן
דעם פוילן — מאָנטיק אין דער פרי,
ער רעדט פון פוסטקייט פונעם לעבן,
ווען ס׳הויבט זיך אָן אַ וואָך פון מי.

ווייל דעם, וואָס אַקערט אין די טאָלן
און דעם וואָס גראָבט זיך אין די בערג,
דו וועסט מיט טרויער ניט באַצאָלן
זיין שווערע מי, זיין ריזיק ווערק.

איך ווייס, אַז פייער ווערט פאַרלאָשן,
איך ווייס, אַז פאַרבן ווערן בלייך
און שטאַרבן שטאַרבט דאָס שענסטע לשון,
נאָך איידער ס׳האָט צו גאָט דערגרייכט.

נאָר ס׳וויל מיין קאָפּ דערפון ניט וויסן
און ס׳וויל מיין מויל ניט ווערן שטום
און ווילן וויל מיין האַרץ געניסן
פון פרייד און פאַרבן, וואָס אַרום.

שוסטעריי

דאָס שוסטעריי, חברים, איז אַ פאַך,
אַ פריילעך פאַך, וואָס פּאָרט זיך מיט געזאַנג,
די אַרבעט ווערט געטאָן אונטער אַ דאַך
און זינגט דערנאָך אין יעדנס וועג און גאַנג.

און זינגט דערנאָך אין זומערפעלדביים שניט,
און זינגט דערנאָך אין סקריפּענדיקן שניי.
סע פּאָרט צונויף זיך מיטן שניידערליד,
וואָס דרייט מיט פיס דאָס רעדל ביים געניי.

סע פּאָרט צונויף זיך מיטן ליד פון שמיד,
וואָס שטייט אַ גאַנצן טאָג אָפּ אויף די פיס
אין גרויסע הויכע שטיוול, לויטן שניט
פון שטיוול, וואָס מע מאַכט זיי פאַר אַ ריז.

סע פּאָרט צונויף זיך מיטן טאַנץ
פון קינדער־שיכלעך אויפן הויף פון שול,
די שיכלעך זענען שיין און זענען גאַנץ
און ס'איז מיט זיי דאָס לאַנד דאָס גאַנצע פול.

דאָס שוסטעריי, חברים, איז אַ פאַך,
אַ פריילעך פאַך, וואָס פּאָרט זיך מיט געזאַנג,
די אַרבעט ווערט געטאָן אונטער אַ דאַך
און זינגט דערנאָך אין יעדנס וועג און גאַנג.

זאָל זיין געבענטשט

זאָל זיין געבענטשט דער אָנהויב פונעם טאָג,
דאָס עפענען די אויגן צו דעם ליכט,
איך זע די שטאָט זיך וויגט ווי אויף אַ וואָג,
די בערג אַרויס דער שטאָט איז דאָס געוויכט.

ביים אָנהויב פונעם טאָג איז גרינג די שטאָט
מיט יונגע פייגל אויף אַ האַלבן דאַך,
מיט פריען בלי, מיט קנאָספּן אינעם סאָד,
נאָר שווערער ווערט זי נענטער צו פאַרנאַכט.

ס׳איז פאַרטיק שוין דער דאַך פון נייעם הויז,
די קאַרשנבליטן זענען פונעם קנאָספּ אַרויס,
די אוגערקע אין גאָרטן איז שוין גרויס
און ענג דעם זויג־קינד אין דער מוטערס שויס.

שורות

כ׳האָב זיך אין דער שטילער פינצטער
עפּעס היינט אַזוי פאַרבענקט
נאָך אַ שטאָטיש הויז מיט פענצטער,
וואָס איך האָב עס פאַרגעדענקט.
טויזנטער ציקאַווע זאַכן
האָב איך דאָרט געזען אין שטאָט,
אָנגעטאָן אין העלע פאַרבן
קינדער אין אַ ברייטן ראָד.

כ׳האָב זיך אָנגעלייענט מיט לידער
אין מיין לעבן זייער אַ סך,
וועגן שטיבלעך אין דער נידער,
וועגן שטילקייט, וועגן נאַכט.
שיינע וועלדער אָבער מענטשן
זעט מען ווייניק דאָרטן גיין,
מיטן הימל מיטן שענסטן
איז מען עלנט ווי אַ שטיין.

חבר, גיב דיין האַנט און לאָמיר
גיין צוזאַמען אונדזער וועג,
אויף דער וועלט דער ברייטער, גראָמער
וואַרטן אויף אונדז שיינע טעג.
פון דער נידער באַרג־אַרויף נאָר
גייט דער וועג צו יעדער שטאָט.
איידער סע פאַרגייט דער זומער,
קום אַריין אין מענטשן־ראָד.

אין יעדן לאַנד

אין יעדן לאַנד אַזוי פיל שטעט
און יעדער שטאָט האָט איר פּאָעט,
וואָס לייגט אַוועק די פּען און רעדט
מיט פּראָסטע ריידנדיקע רייד,
ער לייגט אַוועק די פּען און גייט
פון טיר צו טיר, פון קלייט צו קלייט
און זאַמלט, האַנדלט איין זיך דאָרט
דעם דינגענדיקן קונהס וואָרט,
דעם קרעמערס שבועה אויפן אָרט,
דעם זינגענדיקן שניידערס ליד,
די שווערע ווערטער פונעם שמיד,
דאָס קרעכצן פון אַן אַלטן ייד,
דער עפּל־יידענעס געקלאָג,
דעם תלמיד חכמס שאַרפן זאָג.
ער גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג
און זוכט און נישטערט און ער טרעפט
אַן אַלטן פּנקס צי אַ העפט,
וואָס איז פאַרגעלט שוין אויף דער העלפט.
און וואָס סע קומט צו זיינע הענט
אַ צייכענונג, אַן אָרנאַמענט
אויף אַ פּאַסאַד, אויף אַלטע ווענט,
די האַלבע אותיות אויף אַ שטיין
צעפרעסן, איינגעשרומפּן, קליין
פון צייט, פון רעגן, פון געוויין,
איז אַלץ אַן עדות, וואָס דאַרף שטיין
און אָפּהיטן דעם פעלדס געביין,
ווייל גאָרניט טאָר פאַרלוירן גיין.

אין יעדן לאַנד אַזוי פיל שטעט
און יעדער שטאָט האָט איר פּאָעט,
אַן איינציקן אַזאַ פּאָעט,
וואָס לייגט אַוועק די פּען און רעדט,
ער לייגט אַוועק די פּען און גייט
פון טיר צו טיר, פון קלייט צו קלייט.